# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12־10 (העפט 8־406) זעקס און צוואנציקסטער אקט.־דעצ. 1965 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :


ממחרת יום־הכיפורים, די דריי שענסטע בעלי בתים פון שטעטל, עושה שלום, א.א. צייט־לידער ....... ** 1

מעשה בראשית (עסיי) ....... יעקב ריכטיגער 9

סטעפאן צווייג (ליד) ....... יוסף לעפטוויטש 12

א תפילה (ליד) ....... שמואל וזהייט 12

א נאר (דערציילונג) ....... פייוול זיגלבוים 13

עס איז קיינמאל נישט צו שפעט (פאעמע) ....... עלא זילבערג 18

יאסעלע (פראגמענט פון א ראמאן) ....... משה בעקערמאן 19

דא און דארט (ליד) ....... יוסף הלל בינענפעלד 27

דאס בית־החלוצים הויז אין טוועלא (פראזע) ....... א. נ. שטענצל 27

יאזעף מארקאוויטש ע.ה. (נעקראָלאָג) ....... הערי אריעל 36

א בריוו צום מחבר פון „קעניג פון לאמפעדוסא“ ....... שטענצל 37

הימלערס פריוואט־קאלעקציע פון ווארשעווער געטא, אין טעלעוויזיע.

אין דער נאכט פון 18'טן נאוועמבער ....... 38

דער אויסגאנג פון די וואלן אין ישראל ....... 38

רעדאקציע נאטיצן, יידיש ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס


## די מצבה פון י. ביעטש ע.ה.

זונטיק, דעם 5'טן דעצעמבער 2.30 ווערט געשטעלט די מצבה פונם שרייבער, פרעזידענט פון פריינט פון יידיש לשון, **יהודה ביעטש** ע.ה. אויפן בית־עולם אין בושי.

אונזער טיפע מיטלייד צו אונזער פריינט דעם פאָעט **שמואל וזהייט** צום נפטר ווערן פון זיין שוועסטער.


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

**אבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר**

**אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—**

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.*
129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12־10 (העפט 8־406) זעקס און צוואנציקסטער אקט.־דעצ. 1965 לאנדאן

## ממחרת יום - הכיפורים

עס איז באמת צו באוואונדערן דעם יידישן קהל אין לאנדאן, וואס האבן געהאט דעם כוח אויפצובויען די צענדליקער און צענדליקער וווּנדערלעכע סינאגאגעס און פרעכטיקע שולן — אמת, אין מאנכע פון זיי פעלט אפילו שבת א צענטער צום מנין! — און אז ס׳קומט ראש־השנה און יום־כיפור — צום „גניעראל סמאטר״! — זיינען זיי ממש פול, ביז צום לעצטן פלאץ.

עס קומט אויך גרויס קרעדיט די אלע שול־צענטערס, ציוניסטישע פאראיינען און געזעלשאפטלעכע קלובן, וואס נאכן ערשטן שבת באלד נאכן „שבת בראשית״ הייבן זיך אן אין אלע געגנטן פון דער שטאט לאנדאן די מלוה־מלכה׳ס נשפ׳ס, טאנץ־אוונטן און כל־ערליי קאנצערטן — ווי געזאגט: עס איז באמת צו באוואונדערן דער ווילן צו זיין ברידערלעך פארבונדן און דאס יידישלעך־משפחהדיקע זיך צוזאמצוהאלטן.

אבער מיטן בלויזן קבצינו־יחד פון הזכרת־נשמות מנינים איז מען קוים א מין רעליגעזע סעקטע, און מיט נאציאנאלע הוירא־טענץ — א קיבוץ פון א ווילדן שבט!

אָן אַן אייגענע קולטור איז מען נאך נישט קיין פאלק! אָן אינערלעך־פארטיפטע שעפערישקייט, א געירשנטע פון דור־דורות און שעפערישן יחוס־עצמו האט קיין אומה ולשון נישט קיין מענטשלעכע חשובות.

איז זאל מען זיך לגמרי נישט וווּנדערן, וואס גרויסע טיילן פון דער יידישע יוגנד דרייט זיך אוועק פון אונז מיט א קשי־עורף־אקסל און שיקלט מיט אין פארליבט אויג צום פאלק צווישן וועלכן זיי לעבן, צו דער קולטור, וועלכע זיי געניסן, ביז זיי קויפן זיך איינגאנצן איין אין גויאישן יחוס.

אויב די יידישע קהילה, אונזערע אלע געזעלשאפטלעכע און נאציאנאלע אינסטיטוציעס פארשליסן פאר דער יוגנד די גרויסע קולטור־אוצרות וואס דאס יידישע פאלק האט געשאפן און אנגעזאמלט אין די טויזנט יאר אין אייראפע, שוין בלויז דעם געניאל קונציקן צינויפוועב פון דער יידישע שפראך, נישט אריינגערעכנט צומאל די מאדערנע יידישע דיכטונג און פראזע, וואס געהערן איצט ווי א טייל פון דער וועלט־ליטעראטור.

אויב דאס וועט אזוי אנגיין וועט די יידישע יוגנד אונז נישט נאר פארלאזן מיט אפשיי, נאר מיט א שפיי אויף אונזערע פנימער — פאר פארשליסן פאר זיי די פריש קוואלנדיקע ברונימער מיט מים־חיים און נערנדיק זיי מיט מים־אחרונים־וואסער: מיט נפטר און מפטיר און טריפענע בר־מצווה־בעלער.

זאל דאך איינמאל פאר אלע מאל אויפהערן דאס היפאקריטישע פון די הויכע דיסקוסיעס און די אונטערלעקטע דיאלאגן בלע״ז און „ברען־טראסט״־

## הימלערס פריוואט - קאלעקציע פון ווארשעווער געטא

### אין טעלעוויזיע (אין דער נאכט פון 18׳טן נאוועמבער 1965)

1

ביים לעבעדיקן לייב מענטשן צו פארברענען,
פארשלאסענע צווישן ענגע געטא־ווענט,
דאס האבן שוין די לאנץ־קנעכט, די גערמאנען,
אין פינסטערן מיטל־אלטער גוט געקענט.

בלויז אזוי אונז נאציש־ציניש צו פארשעמען?
ווי א בייך אין האלדז ס׳בלייבט שטעקן, שטיקט געוויין:
ציוויליזירטע מענטשן האבן דאס געטון,
מען שעמט זיך ממש א מענטש צו זיין אליין . . .

און דאס דייטשע פאלק מען ציילט׳ס נאך צווישן פעלקער,
ווי קולטורירטע מענטשן נאך אנערקענט . . .
און יידן אליין, מיט סליחה ומחילה,
שטרעקן אויס צו זיי מיט פארגעבונג די הענט — — —

דעם מוח צו פערסמען, דאס הארץ צו פארשרפען,
אין גאז־קאמער, אין קרעמאטאריע ווילסט גיין!
ביים לעבעדיקן לייב דיך אליין באגראבן!!
דו שעמסט זיך א מענטש, צומאל א ייד צו זיין — — —

2

וואס ער זאל נישט זיין ביי די גוטע דייטשן איצט,
א שתדלן, א מעקלער, צי גאר אן אגענט
פונם ערגסטן יודן־ראטלער״ אין געטא איז —
בלוטיקער זיין פיסק שמוציקער זיינע הענט.

יענע, מערין צי צומאל צעזאר רומקאווסקי,
דעם גרויסן נסיון נישט געקענט ביישטיין,
און ווי איז דער כלל ביי די חז״ל: „על תדון — — —
ביז אינם זעלביקן פאל דו ביזט אליין —

צו דער זעט א הונגעריקער זיך אנעמן!
אין קרימעטאריע נישט צו ווערן פארברענט!!
אבער דער ימח־שמוניק, וואס ר׳זאל נישט זיין:
א שתדלען, א מעקלער צי גאר אן אגענט — — — —

מיט ידי־עשיו די חזירישע ארבעט ער טוט,
מיטן קול־קול־יעקב פארבייסט ער די ציין,
און מיט א שטיקל זייף געמאכט פון א קדוש,
די שמוציקע טמא־הענט וואשט ער זיך ריין.

די נאכט פון אכצנטן נאוועמבער, 1965

**רעדאקציע נאטיץ**: דער ארטיקל פון קאמיל האניק איבער מארק שאגאל, דער ארטיקל איבער יאזעף הערמאן אויסשטעלונג און די לאנדאנער קולטור־ידיעות אין קומענדיק נומער.

---

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנאמענט אפצאל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אַרבעט.

דיסקוסיעס, זאל מען לערנען און די יידישע שולן, — ווו מען נעמט יידישע געשיכטע, העבראיש, אויף שפיץ מעסער, יידישע רעליגיע ווו א מעדיצין, אויף קאווע־לעפעלע, — דאס יידישע פאלקס־ליד יידישן פאלקלאר און יידישע ליטעראטור וועט די יידישע ייגנד אויפלעבן און דערפילן זייער ווערט; זאל מען זיי אויפהערן צו באקלאגן מיט גרויסע קראקאדיל־טרערן, נאר זיינע לערנען די יידישע קליין אותיות — א מאמע־לשון נערט דאס וואקסנדיקע הארץ פון א פאלק מיט בלוט־מילך, מיט אייגן־לייב־און־לעבן.

דאס הארץ פון די יידישע ייגנד וועט וואקסן פון שטאלץ און חשובות, וואס זייערע עלטער־זיידעס און זיידעס, זייערע טאטע־מאמעס נאך, זיינען מסוגל געווען צו שאפן אזעלכע גרויסע ווערטן און אנצוזאמלען אזעלכע אוצרות און אז נאך יעצט, אין אלע טיילן פון דער גארער וועלט, זיינען דא יידישע ישובים מיט גרויס יידישע יחידים וואס טראגן צו א גרויסן ספעצפישן צושטייער צו דער וועלט־ליטעראטור און די מענטשלעכע קולטור, מיט זייער שאפן אין יידיש.

אמת ס׳איז זייער שווער אזא מין אנהייב, ראשית כל התחלות קשות און צווייטנס האבן אונז שוין אונזערע אלטע חכמים געלערנט: „אדם כי ימות באוהל — אין התורה מתקימת אלא מי שמימות עצמו עליה“. עס איז באמת קיין אנדערער וועג נישט פאראן פאר א פאלק וואס וויל גערעכנט ווערן צווישן לעבעדיקע קולטור־פעלקער.

זאל וויניקסטנס דער היפאקריטישע טומל פון די „ברען־טראסט“ אינטעלטואלן אויפהערן מיט זייערע פוסקים־פושקעס־געטומל, מיט זייערע שרייערישע דיאלאגן בלע״ז וועט לכל־הפחות די חרפה נישט שטיין אזוי גרויס אין יידישן פנים.

## די דריי שענסטע בעל - בתים פון שטעטל

„ארבע מדות בהולכי בית־מדרש“
אבות ה. יז

איינער
א גראשנדיק יידעלע, טויזנטער פונטיקס,
מיט טשעק־ביכל אין בוזעם־טאש, א „סעוו“ אין באנק;
זיין „לייברי“, שווינס־לעדער־געבונדן גאלד־געליישט,
גלאצט דורך די גלאנציק־געגראטעטע שויבן שאנק.

נעמט ער ארויס — דערקענט אין די היברו לעטערס! —
ס׳דיקע מחזור מכל־השנה אין איין באנד;
דאס איינציקע בוך א גאנץ יאר פון שאנק ארויס!
אין שול בשעת דאווענען האלט ער׳ס פארקערט אין האנט.

קריגט פתיחה, וויל מ׳ברויכט קיין ברכה נישט צו מאכן,
ער איז נישט מנדר, שטעקט גלייך אין יד אריין;
ער וואלט „רעלידזשעס“ נישט געווען — א שול־ייד גאר?
נאר דער שכן דער גוי איז עס, מוז ער אויך זיין.



איינער
א סינאגאגע, א שול — —
שמאנצעס, „איידאנט קער“!
איין הינער־שטייג אין ישראל,
איז ווערט א סך מער.

בלויז זייט דער נאציאנאל־פאנד־
כל־נדרי־אפיל,
זיצט ער אין צילינדער־הוט,
אויבן אן אין שיל.

און מיט זיין „פיוועער“ שפרינגט ער,
דער ערשטער ארויס;
ווי אין באד אריינגענארט,
זיצט ער אין גאטס הויז.

איינער
ווי קומט א קאמוניסט אין שול אריין,
ווי קומט א ציג אויף שול־דאך ארויף?
און אז יונה איז אנטלאפן פון גאט,
אבער גיי אין פון יידן אנטלויף.

קלאפט ער טאקע צו דעם מפטיר־יונה
און זאגט אים מיטן טראפ, מיטן קנאק!
אין פולער שול, אויף ניכטערן מאגן,
ווי גוט צו זיין א ייד, ווי געשמאק.

אין קאפל אויפן קאפ, אין טלית,
זיינען אלע יידן גלייך דעמלט פאר גאט;
א טרער פאלט אים אין מחזור אריין,
אויך ער קדושים מזכיר צו זיין האט.

## דער „לייף“ - פרעזידענט

מילא, א פאלויזטער, א פארפארכעטער קאפ,
אבער אז מ׳האקט אים שוין אינגאנצן אפ —
א פארך קאן מען דאך נאך צום מינין פארבעטן,
מ׳דעקט אים צו מיט א טלית און ווער זעטן?

אבער, אז דער קאפ אינגאנצן אפגעהאקט שוין!
און אויב ס׳פעלט אויס צו מינין א לעצטער פארשוין,
ער האלט זיך כלומערשט דערונטער, לאזט זיך בעטן,
לסוף דאך אויבן־אן, בראש מען דערזעטן.

ווארים, ווו זיצט א פארך אויב נישט אין דער שפיץ?

בלויז זע, אין די אויגן ער קריכט — גאט באשיץ!
וואלט נישט בעסער געווען, וואס ווייטער מען זעטן,
ווי אויפן קאפ זיך לאזן קריכן און טרעטן?

## שטן מקטריג

איסטענד, ווייטשעפל־מיילענד, יום־כיפור בייטאג,
אלע געשעפטן צו, בלויז די „סופער־סטארס" אפן;
„שעף־דירעקטאר, שול־פרעזידענט, זיצט איצט אין ‚באקס'!"
איז דער שטן, א צעלאכטער, פארבייגעלאפן:

„און אז נישט מיטן בלוט פון מינדסטן פינגערל — —
כדת וכדין געשריבן ס'איז יעדער שטר־מכירה!
האבן נישט די צען ברידער יוסף'ן פארקויפט?..."
און אין מיר אזא בייזע שטן־מקטרוג־שירה —

* * *

... אין דער איסטענד שליסן זיך די סינאגאגעס,
אין דער וועסטענד בויט מען — א גוטער מסחרביידע!
אויב איין שנדר־קארפטל א גוט „ביזנעסל",
וויפיל פאלט ערשט אראפ ביי א גאנצער געביידע?

איז אפנים „ברענען", א הורטאוונע ביזנעס!
ווארום ווי קומט „א מענטש" פון גרעסטן יידשן קר־עמער,
צו צינדן שולן? ווי דאס צו פארשטיין? אבער —
אז דער שטן זאגט אונטער גייט עס ווי א זמר:

„עמוד, עמוד, עמוד הגביר הנגיד,
החתן תורה, החתן בראשית, החתן — —"
זיין מיין אליין פארשטיין, טרעפן אין פונקט אריין,
וויסן וואס ער וויל, וואס אים אלץ ס'קאן זיך פארדאסן —

א האסע, א בעסע — שפעקולאציע־טריקל,
לעזן פון זיינס א בליקל — פון בערזע־פאפירן!
בלויז, ווען אזא געפילטער פיש, האלב גוי, האלב ייד
שעפס דאפל־לאיאליטעט נעמט שפעקולירן —

טרעפט ער מיטן פינגער פונקט אין הימל אריין:
ברענען שילן, וועלן יידעלעך ישראל לויפן...
ווילאנג ס'איזן גליט, געשלאגן מיטן האמער!
וואס נוצט די בעסטע סחורה, אז מען הערט אויף קויפן?...

אין א האלב ייד ס'צינד זיך אן דער גויאישער פונק,
טא וואס ווערן אויב נישט א שולן־אונטערצינדער?
„דיינע צעשטערער און דיינע פארטיליקער,
קומען דאך ארויס פון דיינע אייגענע קינדער" — — —



און אז אין מיר ווען דער וויי־אדער צעברענט זיך,
נישט קאפאבל כ'בין כאטש א האלבע וועלט פארברענען?
און וויפיל שפעקולירן, פאליטיקירן,
מאטיוו פון מיין בידנע ליד איצט אויספירן קענען?

צי איז נישט פעאיג א כנעני פאר ישראל,
ביים לעבעדיקן לייב די הויט זיך לאזן שינדן?
א רבי עקיבא ווערן אויף אייגענער ערד,
כאטש אין גלות אלע שילן אונטערצוצינדן — — —

* * *

טאקע אמת אזוי? בלויז אן איינפאל איז עס,
א והא־וראיה, כ'קאן מיך נישט באפרייען פון דער טעמא!
און זינט ביי דער האנט דירעקט געפאקט, ברענט נישט מער...
קאן דאס ווערן עגול ואשמח א פאעמא — — —

„בלויז נישט איצט, אלה אזכרה, די ‚עבודה'"
צעלאכט זיך שטן אין מיר וויי־חכמדיק פריילעך:
„לכבוד פורים, ביי דער סעודה, עד־דלא־ידע
א באלאדע — ‚סופער־היסטארי' הלוך ילך".

## „ותחזינה עינינו בשובך לציון"

(דאס לעצטע „פויליש־עסטרייכישע שטיבל" אין ווייטשעפל געשלאסן)

ביז צום לעצטן פלאץ די שטעט אויספארקויפט געווען,
אפגעקלאפט, אפגעזונגען, איבערגעקומען;
שוין „אווער דע פאסט" און ביזגל איבער א יאר,
מילא, איז נאך א מינין־ייד צוגענומען.

א, דער כל־נדרי־קאנטער אינם קאר־טעמפל,
אן אפערע־קינסטלער, אן אנפאן־טעריבל!
אבער א „תפילה לעני" געווען צו הערן —
יעדן טאג א היימישן מעריב אין שטיבל.

פארן עמוד שטייט נישט א פארדרייטער קאלנער,
א טענדע ווערענדע קארוזע קאליבער,
א געמישטער־כאר בלעקעצט נישט פון אויבן אראפ —
ממעמקים דאווענען יידן בציבור!

נישט אויפן שפיץ פון־גאפל געפריווט די טענער,
נישט געגארגלט זיך נישט געארגלט נאך נאטן,
נישט קאפ־ און בויך־שטימע — א קול פון טיפן הארץ,
ווי גאלדענע רענדלעך וואלט זיך געשאטן.

ווי אפגעציילט יעדעסווארט, ווי אפגעוויגן,
אויף פרווו־שטיין לויטער און ריין קלאר־אויסגעקלונגען:

„ותגל נפשינו בישעתך באמת“ — — —
דער שאטן אויף דער וואנט ווי ר׳וואלט מיטגעזונגען.

און אז נישט דער סאנדזער, אז נישט דער ראדאמסקער —
א חסידישער ייד פון היימישן שטעטל!
התלהבות־דבקותדיק, פריידיק חדוהדיק,
צעשאקלט טאנצנדיק דאוונט פארן ברעטל.

א פראסטער מיטוואך, א וואכעדיקער מעריב,
קיין קופאלן, קיין מירמלשטיינערנע טרעפן,
אבער דרינען פון א טיפן טונקלען ברונען,
עמערווייז פרישן מיים־חיים צו שעפן.

זע הינטן טיף בוקנדיקער ייד צו מודים,
פול איבערגייענדיקן ארויסצוציען;
ווי דערטרונקען ס׳איז זיין הארץ אין א טיפן זיפץ:
„ותחזינה עינינו בשובך לציון“ — —

ווען נישט אט די יידן, די היימישע שטיבלעך,
קיין זכר שוין פון די טעמפל־סינאגאגעס,
און די גאטעס־דינסט, עליה השלום שוין,
אפילו אין די ימים נוראים כאגעס.

די קאנטארס אין פארדרייטע קאלנערס — קאמיקערט,
אין קאבארעטן פון די ביליגסטע זינגערס,
און וואס פון ארץ־ישראל ס׳וואלט געווארן?
עס ווייסט איין גאט, פרעגט שוין בעסער עפעס גרינגערס.

## צוויי הקפות - לידער

(אין א חסידים שטיבל אין לאנדאן שנת תרכ״ו)

און אז חרוב ווערן דער גאנצער ערד־קיילעך,
פון אלע מארד־מאשינען א סימן ס׳זאל בלייבן,
וועט מען אויף די פעלעכלעך פון יינגע הערשן,
מיט אדלער־פעדער די תורה ווידער אויפשרייבן.

פון דעם עק־וועלט איינער, א צווייטער — פון יענעם,
זיבעציק זקנים וועלן זיך נאך צינויפקלייבן!
פון דעם מויל א פרשה, פון יענעם — א פסוק,
די ערד אפשר צעשטערט — די תורה אייביק בלייבן.

ארומגערינגלט מיט איר דעם גלגל־ארץ,
אונזער בלוט־געפלייץ — קיילעך ערד־ראד אנצוטרייבן!
און אז קיין טראפ־טינט צומאל העמלט מער נישט זיין,
מיט לעצט בלוט־רעשטל אונזערס די אותיות אויפשרייבן.



צומאל גאנצער ערד־קיילעך אפגעמעקט זאל ווערן,
א נייע פון די תהומות זיך ארייסהייבן — —
וויפיל מאל מיר שוין גאנץ אפגעמעקט געווארן
און מיר לעבן, אז ווער נאך וואלט געקאנט דאס גלייבן.

„עוזר דלים הושיעה“, צעטאנצט זיך א ייד,
עס ציטערן אזש מיט פון די פענסטער די שייבן,
א ייד פאר דער גאז־קאמער טיר שוין געשטאנען —
„קדוש ונורא“, לעצטע הקפה אנצוהייבן.

און אז גאנצער ערד־קויל אין קרעמאטאריע רויך,
אויף צעפלאשן אש־שטויבל זי צוצערייבן — —
אויף הימליש צעוויקלטער ירועה גאט אליין,
זיין אצבע־אלוקים, דעם אנוכי אויפשרייבן.

## הקפות אין מאסקווער שול

ראש־השנה, יום־כפור איבער מחזור נישט געוויינט,
אצינד גאר גיסן זיך מיר טרערן פון די וויעס:
דרויסן פאר דער מאסקווער־שול טאנצן קאמסאמאלצן,
דרינען די טאטעס אויפגעגאנגען צו עליות.

עס זינגט דער טאטע די ברכה „אשר בחר בנו . . .“
זיי — יידישע לידער, באגלייט אויף גיטארעס;
עס וויינען מיינע אויגן אצינד, האפערדיק, ווי אמאל,
איבערן מחזור, בשעתן זאגן „היום הרת“ —

עס ציט זיך אונזער ליד נסימדיק, שוין, מסיני אן,
אין גאלדענע־קייט קיינמאל צעריסן צו ווערן,
אויף פייער־שייטער געווארן אויסגעשמידט רינג אין רינג!
טאנצן פון מיינע וויעס אראפ מיינע טרערן.

כ׳הייב אויף מיינע אויגן צום הימל: זע, איבער מיין קאפ, —
דער מלאך־הגואל־טלית אן אויסגעשפרייטער —
ווען אפילו דער „אשר בחר בנו“ מיינט צו זיין,
בליץ־אפלייטער, שעיר לעזאזל־אויסגעווילטער.

„אף על פי שיתמהמה, אחכה לו בכל יום“ —
נענטער אלץ מיט יעדן דערפינדן יעדן ענטדעקן:
צי מיינט דער קץ־הימים טאקע דעם גאולה־טאג
אדער חלילה שוין, מענטשס גאנצן זכר — אפצומעקן —

זיבן מאל קרייזט ארום דער קאסמאנאוט דעם ערד־קיילעך —
גרעסער דער וווּנדער — הקפות מיט קאמסאמאלצן!
— זע אז מקוים ס׳ווערט לעצטער פסוק פון לעצטן נביא! *
ווערן מיינע אויגן אין פרייד־טרערן צעשמאלצן.

## „את קשתי נתתי בענן“

ס׳דרייט זיך א יעדער ארום אייגענעם איך,
יעטוועדער וויל זיין א ליכטיקער שטערן,
מוז גאַנצער גלגל־ארץ — הייפעלע ערד,
א ווירבל־ווינט שטויבל אויף מילך־וועג ווערן.

שרפים אופנים וחיות הקודש — —
פון ווייטן ס׳געשפאן נאר אנפארן הערן!
אונטער די רעדער אויפבליצן א וויל,
און אויף אייביק שוין פארלאשן צו ווערן.

אז רק מיינס און דיינס און אונזערס און ענקערס,
דאס ארומרייסן זיך נישט אויפצוהערן,
אפשר א סך בעסער שוין אז אזא וועלט,
זאל אויף איינמאל טאקע אפגעמקט ווערן.

דער רעגנבויגן צייכן אין די וואלקנס?
צי קאן דען גאט א פאלטשע שבוע שווערן?
נישט אין א וואסערדיק מבול — אין בלוט
גאנצער ערד־קיילעך אפגעמעקט שוין ווערן.

אז אלע מחשבות, טיפסטע רעיונות,
מענטשענס גאנץ וויסן און טראכטן און קלערן,
ווי אזוי איין אומה פון דער אנדערער,
מעכטיקער רק ווערט און שטארקער זאל ווערן —

פון אונטער די וואלקנס שוין לייערט דער טויט,
א באמבע־יעדער פאלנדיקער שטערן,
אז מינדסטער אטאם שוין אויפגעריסענער,
וויסטער תוהו ובוהו אלץ צו ווערן.

## „עושה שלום במרומיו — —“

אויב אונזער בלוט נאך אלץ פאר זייערע רעדער,
האב איך מורא זיי וועלן שוין נישט ווייט דערפארן;
איז איידער מיט זיי בלייבן ליגן אין בלאטע,
פאר אונזער עגלה ס׳ביסל שמירעכץ אפשפארן.

ווי ס׳קוויטשען די רעדער, די אקס אויסגעריבן,
די בידנע קלאטשע — א פגירה אונטערגעהונקן!
אונזער גאנצער „בעגלא ובזמן קרוב“,
אין איין טיפער בלאטע שוין צו ווערן פארזונקן.

איז מיט בייטש, צעפאכעטן, לעצטן קנאל געטון,
און פון „טינטער“ אונזער וואגן ארויסגעצויגן;



איידער פאר פרעמדע אויסגעזויגן ס׳ביסל בלוט,
וועט עס דאך פאר אייגענע א סך בעסער טויגן.

„עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום“ —
אויב אויבן צווישן וועלטן, מיליאנען מיליארדן,
ער קערעוועט די רעדער פון די גלגלים,
אויך אונזער וואגן ארום די ברעגעס פון ירדן — — —

### י. ריכטיגער

## „מעשה בראשית“

די אידיי פון תורת משה, אז אמאל איז געווען א בראשית: א וועלט אנפאנג, האט לעצטענס באקומען א זער שטארקע אונטערשטיצונג פון נייע אנטדעקונגען. אחוץ דעם, וואס אין אלגעמיינעם זינען, ווערט די וועלט באשאפונג פארצייכענט אין ערשטן קאפיטל פון תורת משה באשטעטיקט דורך די פעסטשטעלונגען פון דער מאדערנער וויסנשאפט . . . אין דער איצטיקער קאסמאלאגיע, אזוי ווי אין דער אלטער, זענען פאראנען צוויי טעאריעס וועגן דער וועלט: לויט איין טעאריע, וואס ווערט אנגערופן אין ענגליש „טהי סטעדי סטעט“ — דער אומפארענדערלעכער צושטאנד, האט די וועלט קיינמאל ניט געהאט קיין אנפאנג; די גאלאקסיעס — ליכטנעפלס אדער מילכוועגן מיט זייערע טויזנטער מיליאנען זון־סיסטעמען — האבן זיך שטענדיק באוויגן אין הימלרוים אזוי ווי איצט, און לויט א צווייטע טעאריע, וואס ווערט אנגערופן אין ענגליש „טהי ביג בענג“ — דער גרויסער קנאל, איז מיט ביליאנען יארן צוריק פארגעקומען ערגיץ אין הימלרוים א געוואלדיקער אויפרייס, וואס פון די אנצאליקע, אין אלע זייטן צעפלויגנע גליענדיקע שפליטערס, האבן זיך אנטוויקעלט די גאלאקסיעס — ליכטנעפלס אדער מילכוועגן מיט זייערע טויזנטער מיליאנען זון־סיסטעמען . . .

די אסטראנאמער מיט זייערע גרויסע ראדאר אנטענעס און טעלעסקאפן האבן לעצטנס אנטדעקט „קואסי סטעלאר גאלאקסעס“: נייע ליכטנעפלס, וואס געפינען זיך צוועלף מיליארד ליכט יארן דערווייטערט פון דער ערד, דאס הייסט: אויב א דזשעטפלאן וועט פליען פון לאנדאן קיין ניו־יארק אין א זעכציקסטל פון א סעקונדע, וועט אים נעמען צוועלף מיליארד יאר צו דערגרייכן די גאלאקסיעס. די אנטדעקונג האט זער פיל איבערוויגן די וואגשאל לטובת דער טעאריע פון געוואלדיקן אויפרייס, ווייל מען האט פעסטגעשטעלט אז אזוי ווי ביי יעדן אנדערן אויפרייס זענען די צעפלויגנע שטיקער געדיכטער צום אויפרייספונקט און וואס ווייטער אלץ שיטערער, אזוי איז די צאל פון די גאלאקסיעס וואס ווייטער אין הימלישן רוים אלץ ווייניקער. ווען לויט די טעאריע פון אומפארענדערלעכן צושטאנד האט אומעטום, אין גאנצן הימלישן רוים, ווייט פון דער ערד אזוי ווי נאענט געדארפט זיין דיזעלבע פראפארציע פון גאלאקסיעס. (סאנדעי טיימס, 13־6־65.)

אמת, די טעארעטיקער פון „ביג בענג“: געוואלדיקן אויפרייס אינטערעסירט ניט צו פארענטפערן די פראגע — פון ווו דער אויפרייס מאטעריאל

האט זיך גענומען? און לויט תורת משה איז — „בראשית ברא אלהים“: דער ערשטער מאטעריאל באשאפן געווארן פון אלמעכטיקן. אבער דער באוויז פאר זייער טעאריע, פון א געוואלדיקן אויפרייס, באשטעטיקט די אידיי פארצייכנט אין תורת משה, אז די פארעמונג פון דער וועלט האט געהאט אן אנפאנג און זי האט זיך אנגעהויבן מיט „יהי אור“: א צעבליצונג פון ליכטיקייט אין פינצטערן תהו ובהודיקן מאטעריאל . . .

אויך דער סדר פון די פארעמונגען, אין די ווייטערדיקע פינף טעג, זעט אויס אמאלגעמיק צו זיין אין הסכם מיט די מאדערנע נאטור וויסנשאפטלעכע טעאריעס . . . דעם צווייטן טאג האט זיך די צעגליעטע ערד מאסע אנגעהויבן אפצוקילן און פון די אויפשטייגנדיקע גאז און פארע וואלקנס האט זי צונויפגעוועבט אן אטמאספערע ארום דער ערד. „ויקרא אלהים לרקיע שמים“: די וועבונג האט דער אלמעכטיקער אנגערופן הימל . . . דעם דריטן טאג איז שוין די ערד געווען אן אפגעקילטע פליסיקע מאסע און „ותראה היבשה“: פארשטיינערטע שטיקער האבן זיך אנגעהויבן ארויסצוזען פון דער פליסיקייט, „ויקרא אלהים ליבשה ארץ ולמקוה המים קרא ימים“: די טרוקנע שטיקער האט דער אלמעכטיקער אנגערופן לאנד און די טייכן מיט פליסיקייט האט ער אנגערופן ימים . . . אין משך פון צייט איז דאס לאנד באדעקט געווארן מיט א גרינעם שימל און דערפון האט זיך וועגעטאציע — מעך, שוועמלעך, דערנער, ביימער, פרוכטן, פון פארשידענע מינים, אנגעהויבן צוצוואקסן אומעטום . . .

אין פירטן טאג האט דער אלמעכטיקער געזאגט — „יהי מאורות ברקיע השמים“: ליכט זאלן זיין אין דער אטמאספערע פון הימל האט די ערד גענומען זיך באוועגן אין א פעסטגעשטעלטער באן ארום דער זון מיטשלעפנדיק די צוזאמען מיט איר געפארעמטע לבנה, איז אזוי ארום אנטשטאנען דער ערדישער סדר פון טאג און נאכט, סעזאנען, צייטן און יארן . . . דעם פופטן טאג האט זיך אנגעהויבן ווידמענען אין וואסער א ווימלונג פון לעבעדיקע ארגאניזמען און פליענדיקע געפליגל אין דער לופט, הערפון האבן זיך אנטוויקעלט די גרויסע פיש אין וואסער, די חיות אויף דער ערד און די פייגל אין דער לופט פון אלע פארשידענע מינים . . . און דעם זעקסטן טאג האט דער אלמעכטיקער געזאגט — „נעשה אדם בצלמנו כדמותנו“: זאלן מענטשן געמאכט ווערן לויט אונזערע מאדעלן און פארשטעלונגען, האט דער אלמעכטיקער געשאפן די מענלעכע און פרויליכע מענטשן לויט זיין מאדעל אדער צייכענונג, און האט די מענטשנקינדער געבענטשט — זיי זאלן זיך פרוכפערן און פארמערן, אנפילן די ערד און באצווינגען איר, געוועלטיקן איבער די פיש פון ים, די פייגל פון הימל און די חיות וואס קריכן ארום אויף דער ערד . . .

אחוץ דעם איז אפילו די אנטוויקלונגס צייט פון דער ערד פארצייכנט אין תורת משה לערך אין איינשטימיקייט מיט דער וויסנשאפט. די מאדערנע געאלאגן — פארשער פון די ערד סובסטאנצן — האבן אויסגערעכנט אז עס האט גענומען די ערד פינף מיליארד יאר צו אנטוויקלען זיך פון איר צעגליעטן צושטאנד ביז צום אנהייב פון דער איצטיקער ציוויליזאציע. אבער זייער בארעכענונג איז לגמרי ניט אין סתירה אדער נעגאציע צו די ששת ימי בראשית



פון תורת משה. אין אמתן איז דערפון צו זען דעם היפוך — א באוויז פאר דער יצירה צייט אנגעגעבן אין תורת משה . . . נאכן „ויבדל אלהים בין האור ובין החשך“: פונאנדערשיידן צווישן די ליכטיקייט און די פינצטערניש, זאגט תורת משה — „ויהי ערב ויהי בקר יום אחד“: עס איז געווארן אווענט און געקומען איז פרימארגן דער סוף פון איין טאג. דער טאג אדער מעת לעת האט, פארשטייט זיך, ניט געקאנט האבן געווען אן ערדישער, אזוי ווי מען רעכנט היינט, ווייל עס איז דעמאלט נאך ניט געווען קיין זון וואס זאל אונטערגיין אין אווענט און אויפגיין אין מארגן. די ערד באוועגונג אויף איר באן אנצוצייכענען טעג, סעזאנען און יארן, האט זיך ערשט אנגעהויבן דעם פירטן טאג, און ערשט אנפאנג פון זיבעטן טאג איז געווען דער מענטש וואס האט פארשטאנען צו בארעכענען די ערדישע צייט. מען איז דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען, אז די ששת ימי בראשית: די ערשטע זעקס טעג פון באשאפונג זענען געווען קאסמישע — אלוועלטלעכע, ניט ערדישע.

מען דארף אין זינען האבן, אז די מאס פון צייט איז דער ארומדריי אין צירקעל: די לענג פון אן ערדישן מעת לעת איז — דער קרייז וואס די ערד מאכט פון זון אויפגאנג ביז זון אויפגאנג, און די לענג פון א קאסמישן אדער אלוועלטלעכן מעת לעת איז — די צייט וואס נעמט א ליכטשטראל ארומצוצירקלען אונזער גאלאקסיע, דעם ליכטנעפל אדער מילכוועג אין וועלכן אונזער זון סיסטעם געפינט זיך. די ערד באוועגט זיך אין איר ארומדריי זיבעצן הונדערט מייל אין א שעה, און כאטש א ליכטשטראל באוועגט זיך זיבן הונדערט און צוואנציק מיליאן מייל אין א שעה איז אונזער גאלאקסיע, וואס האט הונדערט מיליארד אזעלכע זון סיסטעמען ווי אונזער זון סיסטעם, אזוי אומגעהויער גרויס אז עס נעמט א ליכט שטראל לערך א מיליארד ערדישע יארן ארומצוצירקלען איר. דעריבער איז מען בארעכטיקט אנצונעמען, אז די ששת ימי בראשית פון תורת משה זענען אין דער ווירקלעכקייט געווען זעקס מיליארד ערדישע יארן. עס איז אזוי ווי בן סירא זאגט — „אלף שנים כנטף בים המה וכרגגיר בחול נחשבו לעמת חיי עולמים“: טויזנט ערדישע יארן זענען ווי א טראפן אין ים, ווי א זאמד קערנדל זענען זיי גערעכנט אין קאסמישן צייט רעכענונג. (בן סירא י״ח־ח׳.)

דער אויספיר, אז די זעקס באשאפונגס טעג פון תורת משה זענען טאקי געווען קאסמישע — אלוועלטלעכע, ניט ערדישע, איז שוין לאנג אנגענומען געווען פון די חכמי התלמוד. נאכן „ויהי ערב ויהי בקר יום הששי“: עס איז געווארן אווענט און עס איז געקומען פרימארגן — דער סוף פון זעקסטן טאג, דערקלערט רבי סימון בר מרתא — „עד כאן מונין למנינו של עולם מיכן ואלך מונין למנין אחר“: ביז צום סוף פון די זעקס באשאפונגס טעג ציילן מיר לויט דער אלוועלטלעכער מאס פון צייט, די זעקס טעג זענען געווען זעקס מיליארד ערדישע יארן, פון די זעקס טעג און ווייטער ציילן מיר לויט אן אנדערן צייט רעכענונג, לויט דעם ערדישע שעהן. (בראשית רבה פ״ט־ט״ז.)

די אויסטייטשונג פון קאפיטל בראשית, וואס רירט ניט אן אפילו א קוצו של יוד פון הלכה, וואלט געדארפט אויפגענומען ווערן פון אונזערע געלערטע.

עס איז קיין ספק ניט אז זי איז ביכולת צו העלפן ברעכן די נעגאטיווע שטעלונג פון אונזער שטודירענדע יוגענט קעגן תורת משה. בפרט נאך ווען אין אמתן איז דער אויסגאנגספונקט פון אונזער טראדיציאנעלער צייט רעכענונג לבריאת העולם דער סוף פון די זעקס באשאפונגס טעג, ניט דער אנהייב. דאס וואס רב זאגט אין דער תפלה, וואס ער האט פארפאסט צו דער מוספדיקער שמונה עשרה פון ראש השנה „זה היום תחלת מעשיך זכרון ליום ראשון“: דער דאזיקער טאג איז דער אנפאנג פון דיין ווערק, אן אנדענקען פון ערשטן טאג, מיינט ער דעם ערשטן טאג פון דער איצטיקער ציוויליזאציע. דער ערשטער טאג ווען די מענטשנקינדער זענען איבערגעגאנגען פון פרוכטן פארזאמלונג צו ערד ערבעט, דעם ערשטן טאג נאך די זעקס באשאפונגס טעג, וואס זענען געוועזן זעקס מיליארד ערדישע יארן, ווען „ויכלו השמים והארץ וכל צבאם“: פערטיק זענען געווארן דער הימל און די ערד מיט אל זייערע פאטענציאלטעטן. (ירושלמי עבודה זרה פ״א ה״ב, ויקרא רבה כ״ט.)

## יוסף לעפטוויטש

### סטעפאן צווייג

זינג, שוטה — זינג,
עס ענדיקט זיך שוין אלצדינג,
דיזעלבע גאסן, דערזעלבער הימל איבערן קאפ —
נאר איינס און איינס, און אלע פריינט מיינע שטארבן אפ.

עס לויפט דער גיריגער יעגער מיר אנטקעגן,
ער יאגט זיך אויף מיר אויף אלע וועגן,
און ווו נאר ער שטעלט א טריט,
נעמט ער מיינעם א נאנטן פריינט א טויטן מיט.

דער גיריגער יעגער איז שרעקלעך גרויס,
דער מבול גיסט זיך פון אים ארויס,
און אז ער צעשרייט זיך מיט א ווילדן ווט,
ווערן אלע טייכן און ימן בלוט.

דער מבול גיסט זיך איבער מיין קאפ,
און איינס און איינס, און אלע פריינט מיינע שטארבן אפ.

## שמואל ווהייט

### א תפילה

א פארצווייפעלטער,
א פארבלאגדזשעטער,
רייסען זיך זיפצן
פון מיין ציבראכן הארץ:
אז אלץ איז אין חושך,
אז אלץ איז שווארץ.
שטיי איך פארזינקען אין תפילה,
אין הכנעה געבויגן.

שטראף מיך ניט אלמעכטיגער
פאר מיינע זינד,
עפן ברייט די שערי־רחמים,
ווו מיין תפילה
זאל זיך צו דיר דערטראגן,
אז מיין פארצווייפלט,
בלאנזשענדע נשמה זאל דעם פחד,
אינגאנצען פין מיר פאריאגען . . .



## פייוול זיגעלבוים

### א נאר (דערציילונג)

געניע מיט איר עלטערן זון פון ערשטן מאן, ריקי, א ספעציאליסט, האבן זיך ארייגעכאפט דורכן טאג א קוק טאן וואס ער מאכט און גלייך אוועק צו זייערע ביזנעס. פארן אוועקגיין האט געניע אנגעזאגט דער שווארצער דינסט, זי זאל זיך איינהערן צום „באס“.

שוין א לענגערע צייט ווי באריס פילט זיך ניט מיט אלעמען. ווען באקאנטע פרעגן אים וואס ער מאכט, ענטפערט ער מיט א געמלאכהט וויצעלע, „ניט פויגלדיק, די זיקנה דערויאגט מיך“, כאטש באריס איז ניט מער ווי א פינף און זעכציקער! וואס ער טראכט אין זיך איז, אז זיין פארגאנגענהייט יאגט אים נאך, כאפט אים פארן גארגל. זיין שטענדיקער אנשטעל, אז ער איז דאס וואס ער איז לגמרי דער היפוך; די פויזע און גאווה פון אן אינטעליגענט, בעל־צדקה, יודע־ספר — ווען ער ווייסט, אז אין זיין לעבן האט ער קיין ביכל ניט איבערגעלייענט; זיין שטופן זיך צו יעדן אויבנאן, כאטש ער איז צו קיין אויבנאן ניט דערגאנגען; „רייבט אקסלען“ און שטענדיק ביים הויפט־טיש מיט א גרויסן גביר, א רב, א טשערמאן, א גאסט א לעקטאר, ווער ס׳זאל ניט זיין, איז לויט אים יחוס און ער שמעלצט זיך אין נחת.

באריס רייט אויף א גוט „פערדל“, וואס הייסט זאנגוויל — אן אפשטאמיקער און קרוב פון דעם בארימטן ענגליש־יידישן שרייבער ישראל זאנגוויל, דעם מחבר פון „קעניג פון די שנארערס“ און „די קינדער פון געטא“. איז דא דער ווייטער קרוב זיינער, דאס קינד פון געטא, געווואר דער כבוד־שנארער פונם „קעניג“ . . . שטעלט זיך פאר יעדן גאסט מיטן זאנגוויל, דייטלעך זיפנדיק יעדעס אות, כאטש מ׳זאל מיינען, אז ישראל זאנגוויל איז אויפגעשטאנען תחית־המתים.

ווען א גאסט האט אים איבערגעפרעגט: „זאנגוויל?“ האט ער זיך אינגאנצן צעשמאלצן און ניט געלאזט דעם גאסט מער אויסריידן אווארט. „א, יא, יא, זאנגוויל!“ „איר זעט טאקע אויס ווי זאנגוויל, די נאז, פענסנע“. נאך אזא באמערקונג האט זיך שוין א גאסט פון זיינע הענט ניט געקאנט ארויסדרייען, ר׳איז געקומען צו אים אין האטעל אים געפירט באקענען מיט אנדערע פני, געגעבן א שיינע פארטיע אין הויז, געהאלטן א דרשה דורכגעפלאכטן מיט גמרא־ווערטלעך: „כל הרודף אחר הכבוד, הכבוד בורח ממנו“. אבער אים יאגט כבוד נאך. א סימן, אז דער חשובער גאסט האט זיך מיט אים אזוי באפריינדעט און הער כבוד איז געקומען צו אים אין שטוב אריין!

מילא, מיט אן אנשטעל פאר אן אינטעליגענט קען אזא פיפיקער, ווי באריס, זיך נאך אדורכדרייען. כאפט א ווארט דא, דארט, באמקעט נאך, האט אפילו געגעבן א באריכט פון זיינער א רייזע קיין אויסלאנד און זיך נעבעך אזוי צעבאלאקעט, אז איינער פון די צוהערער, וואס קען אים, האט געמאכט א צווישנרוף: „וואס פלוידערט איר? איר זייט אן עם־הארץ און ווייסט ניט וואס איר רעדט!“ אבער וויאזוי דרייט מען זיך דורך פאר א בעל־צדקה אן געבן צדקה? איז ווידער דאס זעלבע. באריס קען. ער שיקט דירעקט קיין ישר־

אל צו אינסטיטוציעס, צו יחידים. אז מ׳האט אים אין אנהויב מלחמה געבעטן וואס געבן פאר געליטענע יידן, איז ער גאר אנגעפאלן: „פארוואס עפעס יידן בלויז? די מלחמה איז אן אומגליק פאר דער גאנצער וועלט. איך בין באפריינדעט מיט קריסטן אויך, און מיר גייען שאפן א קאמיטעט צו זאמלען הילף פאר אלע פעלקער, וואס היטלער איז באפאלן“.

אזוי האט דער קלוגינקער באריס דורך אלע יארן געבלאפט זיך און אנהערע, געלעבט אין עושר און געשעפט כבוד עמערוויז. די אנדערע זייט פון דעם בילד איז באריס דער סוחר, מיט זיינע געשעפטן, שותפים, משפחה, זיין ערשטע ווייב, וואס איז יונג געשטארבן א פארביטערטע, זיינע דריי קינדער, וואס ווילן פון אים ניט הערן און געדענקען.

אבער דאס קריגעלע טראגט וואסער ביז דאס אויערל ברעכט זיך אפ. מיט באריסעס לשון קען מען זאגן: „סוף גנב לתליה“. מאכט זיך, איינער פון זיינע פריינט, ביי א קארטן־שפיל, באמערקט וואס און ניט צום ערשטן מאל א שטעך אויף דעם בלאז: „ע, ע, בארינקע, נא מאר. ס׳איז ניט דאס ערשטע מאל וואס כ׳זע דיין קונץ. כ׳האב דיך געפאקט, און גיב אונז צוריק דאס געלט!: „וואס געפאקט? המוציא מחברו עליו הראיה“. „דו שיט מיר ניט מיט דיינע גנבישע גמרא־ווערטלעך, און גיב אפ דאס געלט. כ׳וועל דיר ברענגען ראיות, אז וועסט דיך באגראבן פאר חרפה.“

אבער באריס פאלט ניט ביי זיך. מיטן אלטן אנשטעל פון א חשוב פאלט ער אן אויפן גראבן יונג מיט חוצפה. האט יענער אנגעהויבן אויפמישן פאר אים בלעטלעך, אז ס׳איז אים פינסטער געווארן פאר די אויגן: „דו מיינסט א וועלט איז טויב און בלינד? א מיט דיר וועט מער קיינער קיין קארטן ניט שפילן, און וועסט ביי מיר מער אין שול ניט זיצן אויבנאן. ווארט, איך וועל דיך אנלערנען, און רוף מיך אין קאורט“.

באריס האט דערשמעקט, אז ס׳איז צו ווייט אוועק, ווייל קיינער נעמט זיך פאר אים ניט אן. אלע שווייגן און פארהיטן בלויז א געשלעג. האט ער אויף זיך אויסגעגלייכט דאס רעקל און אוועק מיט א געפיל ווי עמיצער וואלט פון אים אראפגעשונדן די בגדים און ער שטייט א נאקעטער. אהיימפארנדיק האט אים גענאגט א ווייטאק. ער האט זיך דערמאנט, אז ער האט אפט געחלומט, אז פלוצלונג איז ער א נאקעטער צווישן מענטשן. אנטלויפט א פארשעמטער. איז איינמאל אין לויפן אריינגעפאלן אין א זומפ און זיך אויפגעכאפט אין אנגסטן מיט א געשריי. איצט פילט ער דאס אויף דער וואר, און איז זיך אליין פותר די חלומות. יא, מורא געהאט, אנטלאפן פארן אייגענעם נאקעטן געוויסן...

נאך דעם איז ער אוועקגעפארן פאר א האלידעי וואו ס׳האט זיך אים אויסגעוויזן, אז אלע באקאנטע, וואס ער האט בעגעגנט, מיידן אים אויס. א מער צעבראכענער איז ער אהיימגעקומען און זיך אנגעהויבן קלאגן, אז ער פילט זיך ניט גוט, קאפ־ווייטאק, הארץ־קלעמעניש. דאקטוירים איינער נאכן אנדערן, עקסרעיס, וואס דאס מאכט אים נאך מער קראנק, ווייל ס׳קאסט א פארמעגן. פארוואס קאן ריקי, זיין ווייבס זון דער דאקטאר, אים ניט באהאנדלען און פארשרייבן די רעצעפטן? ער איז דאך אן אייגענער, וואלט ער אזויפיל ניט



גערעכנט. אבער דער קלוגער באריס האט גוט געפילט, אז ריקי, ווי זיין ווייבס גאנצע משפחה, האט אים ליב ווי פעפער אין נאז. ער האט זיך געזשאוורט און געגעסן. אנגעהויבן פארלירן געוויכט. דער ווינטער איז געווען א קאלטער, האט ער געכאפט א פארקילונג — בראנכיט, לונגען־אנטצינדונג מיט הויכער היץ. שוין זעקס וואכן ווי ער ליגט אין בעט און רעדט פון היץ, וואס צעשרויפט זיין צעפלאמטן מוח און פירט אים צו זיין פריערדיק לעבן:

...ס׳איז פארטאג. ער שארט זיך שטיל אריין אין הויז דורך דער קיך־טיר. אין דער פינסטער טוט ער אויס די שיך און גייט מיט ווייכע, פארזיכטיקע טריט אין שלאפצימער, וואו שיינדל ליגט א שווער קראנקע. די שכנים, זיינען זי געקומען מבקר־חולה זיין דעם זעלבן אוונט און געזעען ווי באריס טרעט ניט אפ פון בעט: „שיינדעלע, ביסט באקוועם? זאל איך אויפהויבן דאס קישן, האבן זיי צווישן זיך גערעדט: „ס׳איז א מזל־זאך אין אזא מעמד צו האבן אזא געטרייען מאן, ווי באריס“, כאטש מיט טרויעריקע פנימער האבן זיי מיט א לייכט געמיט געזאגט „א גוטע נאכט“ און געוואונשן א רפואה שלימה.

באריס האט געגעבן שיינדלען א שלאף־טאבלעט. דאפני, דאס צען־יעריקע מיידעלע איז שוין געשלאפן, בײדע ייִנגלעך זענען געווען אין באַרדינג־סקול, איז ער אריין אין צווייטן צימער, געווארט ביז שיינדל האט פון ווייטאק אויפגעהערט קרעכצן און איז איינגעשלאפן. דאן האט זיך באריס, ווי א גנב, אין דער נאכט ארויסגעכאפט פון הויז צו זיין חברה שפילן קארטן אדער צו א ווייבל, וואס איז ניט איבערקלייבעריש.

שארנדיק זיך אין דער פינסטער צוריק אין שלאפצימער אריין, האט ער זיך אנגעשטויסן אויף א שטול און א ציטער געטון און דאס פארשמירט מיט פארשלאפענע רייד: „שיינדעלע, שלאפסט?“ ... געניע, וואס זיצט איצט ביי זיין בעט, האט זיך דערשראקן פאר זיין „ציטער“ און די אומקלארע רייד פון היץ. דעקט אים צו און ווישט אפ דעם שווייס פון זיין פנים און ווייסט ניט וואו זיין צעפלאמטער מוח פירט אים —

...אט איז ער א חדר־ייִנגל א פעאיקער, א גוטע קאפ. דער רבי האט אים ליב, חברן זיך מיט אים אלע חדר־ייִנגלעך. ס׳איז זומער, מ׳גייט זיך באדן צום טייכל. אלע שווימען, שטיפן אין וואסער. שפרינגט בארקי גלאט אזוי ארויס פון וואסער און ווארעמט זיך אויף דער לאנקע נעבן אנטועכץ. נאך א וויל איז ער מיט א שפרונג צוריק אין וואסער. צומארגנס קומט מילקי פאקראיער אין חדר אריין מיט א געוויין. נעכטן ביים טייך האט ער פארלוירן זיין בייטעלע...

געניע שטרענגט זיך אן צו הערן וואס ער רעדט פון היץ; וואס שליידערט אים פון זייט צו זייט און שטאמלט: „צו וואס בייטעלע? וויי איז מיר!“ די לעצטע ווערטער האט זי קלאר געהערט.

ס׳איז איר אומהיימלעך שווער געווארן צו זיין אליין מיטן קראנקן, האט זי אריינגערופן א שכן: „מיין מאן איז פארטראגן אין היץ און האלט אין איין ריידן“.

זי בויגט זיך איין איבערן קראנקן און פרעגט: „באריס, זאל איך רופן

דעם דאקטאר, באריס?" הגם זי ווייסט, אז ער הערט זי ניט, וועט זי אן זיין הסכמה קיין דאקטאר ניט רופן, ווייל זינט זיי האבן חתונה געהאט צאלט יעדערער זיינע הוצאות. טראכט זי אין זיך און ווענדט זיך צום שכן: „אז ער לאזט קיין דאקטאר אויף די אויגן ניט".

„איך וואלט אייך ראטן איר זאלט יא רופן דעם דאקטאר!" ביידע קוקן אויפן קראנקן, וואס אטעמט שווער און באוועגט כסדר מיט די ליפן, אז ער האט פיינט דאקטוירים. יעדעס מאל, ווען דער דאקטאר קומט, מאכט ער אים פילן אזוי אומבאקוועם. ער פילט זיך גוט, און די מעדיצינען טוען גארניט פאר אים, נאר פאר דעם „קעמיסט". און אז דער דאקטאר גייט אוועק, האב איך נאך א גאנצן מזמור אויסצוהערן . . . א קלוגער, דוכט זיך, און א גרויסער נאר. זאל ער נאר געזונט ווערן, דאס אלץ וואס כ'בעט ביי גאט . . .

זאל ער נאר געזונט ווערן. זי ווישט די טרערן און קען זיך ניט צוריק־האלטן פון ריידן מיט א שטילן פליסטער, ווי זי וואלט אויסגעזאגט א סוד: „נאר מיין ריקי זאל אים באהאנדלען, פארשרייבן רעצעפטן. ריקי וויל ניט, מיר האבן א הויז־דאקטאר", און צעכליפעט זיך היסטעריש אין נאז־טיכל. די שטימונג איז א געדריקטע. אלץ, וואס מ'הערט, איז אירע שטילע שלוכצן און זיין שווער אטעמען. דאס באוואקסענע פנים האט א גרויען אש־קאליר און די ליפן באוועגן זיך אן אויפהער. דער שכן באקוקט זי מיט א באוועגונג און פרעגט שטיל: „איר כאפט וועלכע ווערטער? אינטערעסאנט צו וויסן וואס אין זיין מוח טוט זיך. ער רעדט אן אפשטעל". געניע בעט דעם שכן אין עס־צימער אריין, זי וועט מאכן א גלאז טיי.

באריסן נעמט די היץ אוועק מיט יארן צוריק. אין בית־מדרש. ס'איז אים ביטער אויפן הארצן. ער איז דער עלטסטער פון פינף יתומים, זאגט קדיש נאך טאטע־מאמע, וואס זיינען געשטארבן אין איין חודש. ער ארבעט שוין אויף א שטעלע, פארדינט, שטיצט די יונגערע קינדער. יידן ארום באדויערן אים, האבן מיטלייד. ער לייגט צו קאפ צום מסחר, קריגט גיך א שם פאר א גוטן סוחר. האנדלט פאר זיך, טויג זיך אויס, דערפילט דעם טעם פון געלט און פארקנסט זיך דערצו.

אין אפריקע איז ער איבערנאכט קיין גביר ניט געווארן, ווי ער האט געמיינט אין דער היים. זיך אביסל אנגעמאטערט, געקומען מיט אביסל געלט, האט ער זיך געווארפן פון א קראם. אונטערנעמער, פאבריקאנט, „אקשן־סעיל"־קויפער. פון אלץ געמאכט און וואס רייכער ער איז געווארן, אלץ קארגער איז ער געווארן; און אלץ חשובער ביי זיך. איבער זיין קראם איז מיט גרויסע אותיות געווען געשריבן: „זאנגווילס סטאר".

ווען ס'זיינען קיין קונים ניט געווען, איז ער געשטאנען פאר דער קראם מיט דער רעכטער האנט אין קעשענע, געציילט וויפל ער האט היינט קורץ רעשט געגעבן די שווארצע און געלייענט אויפן קול: „זאנגווילס סטאר"!

אין שרעק זיינען געניע מיטן שכן אריין צום קראנקן. „זאנגווילס סטאר" האבן זיי דייטלעך געהערט. „איי, ווי זיין קאפ פלאנטערט זיך, נעבעך," זאגט דער שכן. „איך געדענק דאס. ער האט דאן געקויפט אויף א רעילוועי־סעיל א פארסל שותפות מיט מיין שוואגער. זיי זיינען קיין גוטע



פריינט ניט געבליבן. איי, זאל ער געזונט זיין . . ." „מישא, מישא", קרעכצט דער קראנקער ארויס דייטלעך און ער דרייט זיך אויף אלע זייטן. ער חלומט, נעבעך, פון זיין ברודער מישא, וואס איז אומגעקומען ביי היטלערן. דאס האט ער געניען דערציילט. זיינע היץ־האלוצינאציעס אבער צעשפילן אין אים דעם אמת —

ס'איז נאך דער מלחמה. ער קריגט דורכן רויטן קרייץ א בריוו פון מישאן. ער איז אין א „די־פי קעמפ" אין איטאליען. ער און זיין ווייב זיינען ניצול געווארן. די דריי קינדער זיינען אומגעקומען. די פינגער פון דער לינקער האנט זיינען ביי אים אפגעפרוירן, טויט. די, וואס האבן קרובים אין אויסלאנד, לאזט מען ארויס. „בעט איך דיך, ברודער טייערער, נעם אונז צו דיר קיין אפריקע. אחוץ אלעם ווילט זיך זיין מיט אייגן בלוט און פלייש" . . . דער בריוו האט אים צעטומלט, ער האט לאנג אפגעצויגן צו ענטפערן און אפט גערעדט צו זיך: „אראפברענגען א פארפאלק אויף מיינע פלייצעס? אן אינוואַ־ליד?" און באשלאסן צו ענטפערן: „ליבער ברודער, דיין בריוו האט מיר פאר־שאפט אסך עגמת־נפש, אבער ליידער לאזט מען קיין אפריקע ניט אריין קיין אימיגראנטן. איך בין ניט קיין עושר, אבער כ'וועל דיר העלפן מיט וואס נאר איך קען", און ביי געלייגט א טשעק אויף צען פונט.

פאר באקאנטע האט ער דערציילט ווי גליקלעך ער איז פונם בריוו, אז זיין ברודער לעבט און מיט מער ערנסט גערעדט פונם בארג, וואס איז אויף אים איצט. ער שיקט צום ברודער פופציק פונט יעדן חודש. די באקאנטע האבן אים געגלויבט פאר זיין גוט הארץ, און ער אליין האט אויך געגלויבט אין דעם . . . ליגן! א ליגן ווערט אן אמת! וואס אין זיין קאפ טוט זיך, נעבעך.

זעט געניע ווי עס צוקט זיין לינקע ברעם. „באריס, באריס, ווילסט עפעס?" באריס רעאגירט ניט. ער לייענט א צווייטן בריוו פון מישאן צוויי יאר שפעטער . . . „ליבער ברודער, אוודאי זיינען מיר דיינע צען פונט צונוץ געקומען, אבער דאס הארץ איז מיר געווען פארביטערט, די האפנונג אויס־געלאשן. גיטל איז אין לאגער געשטארבן פון טיפוס. כ'בין געבליבן איינער אליין. האט זיך א פארטיע פארשריבן צו פארן קיין כינע, בין איך אויך געפארן. שוין אכט חדשים ווי כ'געפין זיך אין שאנכאי. איך פיל פשוט כ'וועל פון זינען אראפ. ביסלעכווייז צעפארן זיך די פליטים, דער צו א ברודער, א שוועסטער, אן אנקל, א קוזין. פארוואס בין איך אזוי זינדיק, אז איך זאל אויסגיין ווי א הונט אין דער פרעמד? אפשר קענסטו וואס טאן פאר מיר איצט און מיך אריבערנעמען? זיי ניט בייז אויף מיר וואס כ'האב דיר מיט צוויי יאר צוריק ניט געדאנקט פאר די צען פונט" . . .

דאס דערמאנען א קוזין האט אין באריסן דערוועקט א פלאן. יא, ער וועט שרייבן א בריוו צו זיין קוזין אין ארגענטינע, דערציילן פון מישאס ביטע־רער לאגע: אין אפריקע האט ער אלץ געטאן אים אריבערצוברענגען, אסך געלט געשפענדט, אבער די מאכט לאזט ניט אריין. אפשר קען ער וואס טאן צו ברענגען מישאן קיין ארגענטינע? כאטש ער איז ניט קיין גביר, וועט ער צושטייער געבן אויף הוצאות. נאך זעקס וואכן האט באריס באקומען א לאנגן

בריוו פון ארגענטינער קוזין, ווי גערירט ער איז געווען פון זיין בריוו און אז מישא קען זיך שעצן גליקלעך צו האבן אזא געטרייען ברודער. ער האט שוין אין בוענאס איירעס געמאכט אלע נויטיקע אנפראגן אין יידישע אינסטיטוציעס. ער וועט אים קענען אריבערברענגען, ער זאל אים שיקן מישאס אדרעס, ווייל ער דארף געגויע אויסקונפטן. און אויב ס'איז באריסן שווער צו העלפן מיט רייזע הוצאות, זאל ער זיך ניט זארגן. ער וועט זיך אן עצה געבן, באריס האט זיך געפאטש אין בייכל פון זיין אויפטו און גלייך געשריבן צו מישאן די גוטע נייעס. געוואונשן אים גליק אין זיין נייער היים און ווידער ארייננעלייגט א טשעק אויף צען פונט.

דעם זעלבן אוונט ביי א פארטיע האט באריס אין א געהייטערטער שטימונג דערציילט פאר פריינט ווי גליקלעך ער איז. ער האט איינגעארדנט זיין ברודער אין ארגענטינע. ס'וועט אים קיין זאך ניט פעלן.

א צייט שפעטער קריגט ער אקורצן בריוול פון קוזין, אז מיטן עראפלאן, וואס האט געפירט מישאן פון שאנכאי קיין בוענאס איירעס, איז געשען אן אומגליק און מישא מיט נאך צוויי און פערציק פאסאזשירן זיינען אומגעקומען! „ווען איך ברענג אים אהער, וואלט ער געלעבט, געלעבט!" מיט די ווערטער האט ער זיך אויפגעזעצט אין בעט, געעפנט די אויגן און איבערגעחזרט: „ער וואלט געלעבט" . . .

ווי א וואלקן וואלט פארצויגן זיין בליק, האט ער קיין זאך ניט געזעען. האט אויסגעשטרעקט די הענט און וואס געזוכט. געניע האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף, אראפ פון בעט א צעשראקענע. אויסגעקלאפט דאס קישן, וואס איז געווען נאס פון שווייס און טרערן, אים אוועקגעלייגט, געגעבן א מעדיצין, וואס באריס האט ניט געוואלט נעמען. ער איז געלעגן מיט א צוגעשלאסן מויל און געוויינט. ער האט דערפילט א טיפן ווייטאק און דער אטעם איז אים איבערגעריסן געווארן.

געניע איז אריין אין צווייטן צימער טעלעפאנירן דעם דאקטאר. ווען זי איז צוריקגעקומען האט זי באמערקט ווי באריס איז פארענדערט געווארן. דאס פנים איז אים געווען אויסגעקרומט, און פון די פארקראמפטע ליפן האבן זיך קוים געהערט די ווערטער: „א נאר, א נאר!"

דער דאקטאר איז געקומען צו שפעט.

## עלא זילבערג

## עס איז קיינמאל ניט צו שפעט

עס איז קיינמאל ניט צו שפעט,
צו ליבן און צו העלפן,
עס איז קיינמאל ניט צו שפעט,
צו שענקן א גוט ווארט,
און אויב דו קענסט טאן היינט,
פארלייג עס ניט אויף שפעטער,
ווער ווייסט אויב ס'ווערט דער מארגן,
דיך נאך געפינען דארט.

און קיינמאל ניט באקלאג
דיין שווערן מזל,
באנייד דיין חבר ניט
וואס לעבט גליגליכער ווי דו,
איין יעדער ברילאנט,
שיינט שענער פון דער ווייטן,
זיין גלאנץ ווערט אפגעשוואכט,
ווען נאנט מען קוקט זיך צו.



און קיינמאל ניט ענטלויף,
פון צרות און פראבלעמען,
ווייל וואו דו זאלסט ניט גיין,
ווערסט מיטגענומען דיין איך,
גלויב ניט אז משנה מקום,
ווערט משנה זיין דיין מזל,
אויב דו ווארטסט אויף א נס,
וועסט זיך ענטוישן גיך.

זאג קיינמאל ניט: „גענוג,
איך קען שוין מער ניט ליידן,
ווייל צרות האט קיין ענד,
ווי דאס וואסער אין דעם ים,

גלויב אין די העכערע מאכט,
וואס האט די וועלט בעשאפן,
און אויסגעטיילט דעם גורל,
לויט אן אויסגערעכנעט פלאן.

ווען דו קענסט ברייגגן הילף
פאר אן אונגליקליכן נפש,
טו עס מיט פרייד,
און ווארט ניט אויף קיין דאנק.
ס'איז קיינמאל ניט צו שפעט,
נאר ניט פארליר איין רגע,
ווייל יעדער אויגענבליק,
איז א געטליכער געשאנק,

## משה בעקערמאן

## יאסעלע

דאקטאר רויזנבלום איז, פיזיאנאמיש, געווען א מאדנע צוזאמענשטעלונג פון דריי פארשידנארטיקע חלקים: פון די אקסלען ביז צו די היפטן איז עס ביי אים געווען א קאלאסאלע מאסע פעט פלייש, וואס דערפון האט דער בויך זיך גערוקט פארויס, קאליע־מאכנדיק די גראדע ליניע פון אט דעם טייל גוף; די פיס, פון די היפטן ביז צו די קנעכל, זענען ווי געגאנגען אויף צוריק. ס'האט אויסגעזען ווי דער בויך גייט פארויס און די פיס נאך אים . . . אז דעם דאקטארס קערפער האט זיך באוויזן אין דער טיר פון שפיטאל, האט איר געקאנט זיין זיכער, אז אט באלד טרעטן אויך זיינע פיס אריבער די שוועל. אויף דעם דאזיקן מאסיוון גוף איז געזעסן א קאפ, וואס איז נישט געווען אין איינקלאנג מיט די איבעריקע חלקים. ווי א פלעצל האט דאס פנים זיינס אויסגעזען און מיט א נידעריקן שטערן, די מארדע, ראזירט, האט געווארפן א חשד. א גאמבע האט ער געהאט ווי ביי עלטערע ווייבער, וואס זיצן איבער א צאינה־וראינה און ווייל עס פעלן זיי שוין די אונטערשטע ציינער שאקלען זיך זייערע גאמבעס אראפ און ארויף . . .

ווי מען קאן זיך פארשטעלן איז אט דער מאדנער קאפ, מיט צוויי קליינע אויגן וואס האבן אכטונג געגעבן אויף דער פלאטשיקער נאז, געזעסן אויף גאר א נידריקן האלז. דער דאקטאר האט כסדר געהויבן די אקסלען, מאכנדיק דעם איינדרוק ווי ער וואלט זיך געטוליעט פאר קעלט אדער איז געווען אין ספק איבער עפעס אן ערנסטן ענין, נישט קענענדיק קומען צו קיין באשלוס.

דער דאקטאר, אפילו א באווייבטער, האט קיין קינדער נישט געהאט . . .

אחוץ ד"ר רויזנבלום איז דער שפיטאל־פערסאנאל באשטאנען פון מרדכי פעלדשער און מאטל וועכטער. כאטש דער פעלדשער איז אליין געווען א פוילישער ייד, וואלט עס אים אבער באסער געפאסט צו זיין א ליטוואק! דאס קורץ געשוירענע בערדל זיינס האט אויסגעזען ווי א הארט־האריק בערשטל צוגעקלעפט צו דער מארדע. פון דארטן ביז צו די פיאות איז בלויז

געווען א זכר פון א באַרד, א מין קאמפּראמיס צווישן אן אפּיקורס און א פרומען ייד, וואס ווילט איר, איז עס יא א באַרד; ווילט איר נישט, איז עס נישט קיין באַרד . . .

אויף א שמייכל, א לאך טון איז ער געווען זער קאַרג. טאמער איז עס אים שוין אויסגעקומען אמאל צו לאכן, האט ער דאס געטון מיט א פארמאכט מויל, וואס האט זיך פארבאריקאדירט הינטער א שטארקן קאסטן ציינער און געדיכטע, קורץ־געשוירענע, הארטע וואנצעס. מרדכי פעלדשער האט זיך געהאלטן פאר א גרויסן מומחה אין הלכות דאקטאריע, און טאמער האט זיינס א דיאגנאז נישט געשטימט מיט ד״ר רויזנבלומס, האט ער זיך דערפון נישט אפּגעגעסן דאס הארץ, נישט אראפּגעפאלן ביי זיך.

— א דאקטאר, — פלעגט מרדכי טעלדשער זאגן, — קאן אויך אמאל מאכן א טעות.

דאס ערשטע געשפרעך מיט א נייעם פּאציענט פלעגט מרדכי פעלדשער תמיד אנהויבן אויף רוסיש; דאס הייסט, ער פלעגט שיסן מיט קנאקעדיקע רוסישע פראגן בעת דער פארשמאכטער חולה האט אים געענטפערט שטיל אויף א ווייכן פּוילישן יידיש ביז ער האט צום סוף דעם פּאציענט א טובה געטון און אויך גענומען רעדן יידיש, כדי צו קריגן די ריכטיקע תשובות אויף זיינע פראגן.

מאטל וועכטער איז פונקט געווען דער היפוך פונם פעלדשער. אים וואלט בעסער געפּאסט צו זיין א בדחן, א מעקלער, א מגיד, א שדכן צי אפילו א בעל־מוסף . . . יאסעלען האט עס זיך עפּעס נישט געלייגט אויפן שכל: ווי קומט עס וואס א ייד אין די פערציקער, מיט באַרד און פאות, מיט א נישט־פארקנעפּלטער קאפּאטע, פון אונטער וועלכער אן ארבע־כנפות פלעגט כאפּן א קוק אויף חולאים, זאל זיך פארנעמען מיט טראגן נאכט־טעפּ, אויפקערן, מאכן די בעטן, דערלאנגען די קראנקע צו עסן און אנדערע ווייבערשע מלאכות. נאר שפּעטער האט יאסעלע אין זיין סביבה דערשפּירט אין מאטל וועכטער אן אמתן גוטן פריינט.

אין שפּיטאל האט א נייע עפּאכע זיך אנגעהויבן אין יאסעלעס לעבן. ביז איצט איז פריע יוגנט פארפלאסן אינם ענגן משפחה־קרייז. אין חדר איז ער געווען צוריקגעהאלטן, די לאבוסעוואטע שפּילערייען פון די אנדערע יינגלעך האבן אים נישט אינטערעסירט. ער האט ליב געהאט א צייט־פארטרייב, וואס דערצו דארף מען נישט האבן קיין פיזישן כוח. ווען זיין איינציקער חבר אין חדר פלעגט זיך פאררוקן אין א ווינקל מיט שרייב געצייג, פלעגט יאסעלע נישט אפּטרעטן פון אים. יענעמס שיינע האנטשריפט אין קאליגראפיע־העפט, וואס דער חבר האט מיטגעבראכט פון דער היים, האט אין יאסעלען דערוועקט א חשק, א פארלאנג, וועלכער האט זיך ביז דעמאלט נישט אויסגעקריסטאליזירט ביי אים אין מוח. נאכקאפּירן אותיות פון די ביכלעך און ספרים איז איצט געווארן זיין באליבסטער צייטפארטרייב. ביידע חברים האבן מיט ענטוזיאזם נאך מער באשיינט די שיינע, רונדיקע אותיות, זיי אויסגעצירט מיט פינטעלעך פון ביידע זייטן, אזוי, אז זיי האבן אויסגעזעען ווי א שנירל פערל אויפן האלז



פון א שיינער פרוי.

אויפן וועג פון חדר פלעגט זיך יאסעלע אפּשטעלן ביי א פּאפּיר־געוועלב מקנא זייענדיק דעם סוחר, וואס פארמאגט אזויפיל קאיעטן, בליישטיפטן, שרייב־פעדערס און פּעקלעך לויז שרייב־פּאפּיר אין פארשידענע פארמאטן. די גרויסע בויגנס, האט אים דער חבר געגעבן צו פארשטיין, נוצט מען אויף פּראשעניעס.

דער איינציקער אין דער משפחה צו געפינען צייט פאר יאסעלען איז געווען דער זיידע פון דער מאמעס צד. אליין אן אויסגעדינטער נאקאלייעווס־קער סאלדאט, פלעגט ער שעהן לאנג פארברענגען מיט יאסעלען אויף זיין הימל־בעטל, וואס דארטן האט מען זיך געפילט ווי אויף א נייער וועלט נאך דעם ווי מען איז ארויסגעקראכן אויף דער לייטער און באטרעטן דאס געצעלט. דארטן האט זיך געפונען א קאלעקציע פון כל המינים שהוא: ביינערנע און הילצערנע ליולקעס, דורכגעביסענע פון זיידנס שפּיציקע ציינער, מיט דעקלעך און אן דעקלעך; שרייפלעך, שטריקלעך, טשוועקלעך, בענדלעך, פארזשאווערטע שפּילקעס, קנעפּלעך, מטבעות, א צעבראכן זייגערל, וואס ליגט ווי געפּאלמעסט, מיט ארויסגעסטארטשעטע ספּרענדזשינעס . . . דער זיידע האט געהאט היס־טאריקע דערקלערונגען אויף אלע זיינע „אנטיקן“.

צוויי מאל א יאר האט דער זידע מיטגענומען יאסעלען אין „קאזנאט־שייסטווא“ אפּצונעמען זיין סאלדאטסקע פּענסיע פון זעקס און דרייסיק רובל. נאר אהיימגעברענגט האט ער בלויז דרייסיק, ווייל די איבעריקע זעקס רובל האט ער באצאלט דעם טאבאטשניק פאר דער מאכארקע, וואס ער פלעגט ביי אים נעמען אויף בארג אין צווישן, אין אזא טאג פלעגט שוין די באבע אים באגעגענען מיט א שמייכל און מיט א הייסן, געשמאקן קרופּניק, עס פלעגט דעמאלט הערשן א מין יום־טוב שטימונג אין ציכטיקן צימער און אפילו די צוויי נאכנישט אויסגעגעבענע טעכטער האבן אויך פארגעסן די טאג־טעגלעכע קריגערייען איבער בחורים, מיט וועלכע זיי פלעגן גיין שפּאצירן, קנאקן באניע־קערן און טריגקען סאדע־וואסער שבת בייטאג אין א יידיש געוועלבל, וואו די יונגע, שיינע פארקויפערין האט געהאלטן אפן די הינטער־טיר און נישט גענומען קיין געלט . . . ביים אוועקגיין אבער פלעגן די בחורים פון יעדן פּארל קונציק אריינלייגן דאס געלט אין א טיש־קעסטל, וואס איז געווען עטוואס אפן און איבערגעדעקט מיט א ריין, שבתדיק טישטוך . . .

כאטש אויך יאסעלע האט זיך געפילט אין א געהויבענער שטימונג אין אזא טאג נאכן באטעמטן קרופּניק און פריש ראזאווע ברויט, האט ער אבער קיין דירעקטע שייכות נישט געהאט מיט דער שמחה. און ווען דער זיידע נעמט אים נישט מיט, וואלט ער אין יענעם טאג קיין קרופּניק אפילו נישט פארזוכט . . .

דא אבער אין שפּיטאל האט יאסעלע זיך געפונען אין א גאנץ אנדערער לאגע. נייך, די אטמאספערע דא איז נישט געווען קיין יום־טובדיקע, ער אבער איז געווען דער צענטער פון אלעמענס אויפמערקזאמקייט. גאנץ פרעמדע מענטשן האבן זיך אינטערעסירט מיט זיין געזונט. מען האט זיך געפּארעט

ארום אים, מען האט זיך באמיט אים צו העלפן. איז דאס געווען ווייל ער איז געווען ערנסט קראנק און געוועקט רחמנות צו זיך אדער איז עס געווען צוליב דעם וואס ער איז געווען דער יונגסטער חולה דא און אזוי קליינגעוויקסיק? דער אמת איז, אז מער ווי מיט די אנדערע חולאים האט מען זיך אינטערעסירט מיט אים; און מער ווי אלע האט מאטל וועכטער זיך מטפל געווען מיט אים. מסתמא האט אט דער פשוטער ייד, וואס פאסט זיך כלל נישט אריין אין דער ראלע פון א קראנקען־וועכטער, לגמרי נישט פארגעסן ווי ערשט נישט לאנג צוריק האט דאס קליינע, שוואכע ייִנגל געוואכט איבער זיין גוססדיקן טאטן איידער ער איז א יתום געווארן. ס׳קען טאקע זיין, אז דער באזונדערער אינטערעס אין יאסעלען איז ענג פארבונדן אין דער מחשבה זיינער מיטן טויט פון יאסעלעס שווינדזיכטיקן טאטן. אפשר האט זיך פארגנבעט א געדאנק אין מאטל וועכטערס מוח, אז אט דער ארימער יתום האט, נעבעך, געירשנט דעם פאטערס טויטלעכע חולאת און דערפאר לאזט עס אים נישט זיין קאלט־בלוטיק צו יאסעלען.

נאך יעדער „אפעראציע" און כלאראפארם פלעגט אים מאטל וועכטער נעמען טרייסטן, אז דאס איז שוין די לעצטע אפעראציע און אז אין גיכן וועט ער קענען אהיימגיין. אודאי האט דער גוט־הארציקער ייד געהאט א גוטע כוונה מיט אט די רייד, אבער אויף יאסעלען האבן זיי געמאכט א פארקערטן איינדרוק. דאס ווארט „היים" האט ביי אים נישט ארויסגערופן קיין שטימונג פון פרייד . . . וועלכע היים? אין דער קאלטער שטוב ביי דער מאמען, וואס האט זיך שוין אזוי אויך גענוג געמוטשעט אויף איר לעבן צו דערנערן די צוויי יונגערע קינדער, ביים פעטער פנחס אויפן שוסטער־בענקל, ביי וועמען קיין עסן האט טאקע נישט געפעלט, אבער די ווארימקייט פון א נאטירלעכער היים איז נישט געווען בנמצא?

יאסעלע איז נישט געווען פון די קינדער, וואס באקלאגן זיך אויף זייער גורל פאר אנדערע. נאר מאטל וועכטער האט כמעט געקענט לייענען די מחשבות, וועלכע האבן זיך געראנגלט אין זיין מוח. דערפאר האט ער אים אנגעהויבן מיטנעמען און געבן לייכטע באשעפטיקונגען. יאסעלע פון זיין זייט האט ווי אויפגעלעבט, זיך געפילט ממש ווי לעבן אן אייגענעם טאטן, ווי די ייִנגלעך, וואס ער פלעגט טרעפן מיט זייערע טאטעס אין מקווה צי אין בית־המדרש אדער גאר אין אן ערב יום־טוב ביים היטל־מאכער . . . איז ער טאקע געווען צופרידן צו העלפן מאטל וועכטער מיט די נאפט־לאמפן, פוצן די גלעזלעך, אפשנייצן די קנטיסן, כדי זיי זאלן נישט קאפטשען פון ביידע זייטן, און טון אנדערע, לייכטע שליחות.

באלד האט יאסעלע שוין געקענט די קונסט פון וויקלען באנדאזשן אזוי, אז זיי זאלן זיך נישט צעפאלן ביים דאקטאר אין די הענט און זיך אוועקקאלערן ערגעץ אונטער בעטל. דאס האט טאקע פאסירט מיטן ערשטן באנדאזש, וואס ער האט פארוויקלט . . . ווי נאר דער דאקטאר האט גענומען פארבאנדאזשירן א חולה דעם פוס איז דער אינעווייניקסטער טייל פון באנדאזש ארויסגעשפרונגען און זיך צעלאפן איבער דער גאנצער לענג פון שפי־



טאל־צימער. יאסעלע האט זיך שיער נישט צעלאכט, זעענדיק ווי דער דאקטאר איז געבליבן ביים עק באנדאזש אין דער האנט. כדי נישט צו לאכן האט ער זיך שנעל איבערגעדעקט מיט דער קאלדרע איבערן קאפ, טראכטנדיק צי מען וועט נאך א מאל אים אנפארטרויען די ארבעט. אבער מאטל וועכטער האט, ווי געווענלעך, ווידער געברענגט יאסעלען צום בעטל די אויסגעוואשענע באנדאזשן.

אדאנק מאטל וועכטערס שתדלנות האט דער דאקטאר אנפארטרויט יאסעלען צוויי וויכטיקע פונקציעס: ערשטנס, אפצוואוועגן פראשקעפ פאר געוויסע קראנקע און, צווייטנס, אכטונג צו געבן, אז זיי זאלן זיי איינעמען פינקטלעך. חוץ דעם זאל ער מעסטן די היץ ביי אנדערע און זיין פארזיכטיק, אז די טערמאמעטערס זאלן זיך נישט ארויסגליטשן ביי די חולאים פון אונטער די פאכוועס; יעדן חולהס טעמפעראטור זאל זיין גענוי פארצייכנט אויף זיין קארטע.

בנעימות און ערנסט האט יאסעלע געטון וואס מען האט אים געהייסן, פארשטאנען ווי וויכטיק פארן דאקטאר איז צו וויסן גענוי דעם קראנקנס צושטאנד און ווי דעם דאקטארס נעקסטער שריט מוז זיך באזירן אויף דער פינקטלעכקייט פון אט דער ארבעט.

לכתחילה האט דער פעלדשער, דער פוילישער ייד וואס האט דעם אויסזען פון א ליטוואק, געקוקט מיט ביטול אויף יאסעלעס ארבעט און בלויז געשמייכלט צו זיך אין זיינע הארטע וואנצעס אריין. נאר ווען ער האט באמערקט ווי די חולאים ווערט דערפון נישט, חלילה, ערגער און אז דער דאקטאר לאזט יאסעלען ווייטער טון זיין ארבעט, איז אים דאס מאגערע שמייכעלע לחלוטין פארשוואונדן פון די וואנצעס . . . איז עס מעגלעך, אז ער האט גענומען זעען אין דעם קליינעם, קראנקן ייִנגל אן ערנסטן קאנקורענט אין הלכות פעלדשעריי? . . .

צוויי מענטשן מיט איין און דער זעלבער אויפגאבע — צו היילן און העלפן קראנקע און ווי פארשידנארטיק זייער צוגאנג צו אזא וויכטיק פראבלעם! איינער איז נישט דורכגעגאנגען קיין שולעס און באלייגט קיין עקזאמענס און דאך אויף א ריין מענטשלעכן אופן העלפט ער א חולה צו קומען צו זיך און דער צווייטער א מענטש מיט בילדונג, איז אזוי קליינלעך און עגאאיסטיש, אזוי גדלותדיק ביי זיך, אז נישט בלויז פאסט עס אים נישט צום פנים, נאר עס שטערט אפילו דעם חולה אין זיין צושטאנד . . .

— זאגט מיר, ר׳מאטל — האט יאסעלע פארפירט א שמועס מיט מאטל וועכטער, וועלנדיק פארשטיין אט די סיטואציע, וואס האט זיך אנטפלעקט פאר אים — ווי קומט עס וואס איר זענט אזוי צוגעלאזן צו יעדן חולה? תמיד געפינט איר א גוט ווארט, א פריינטלעך שמייכל, א פריילעכע מעשה פאר יעדן באזונדער, אזוי, אז מען פילט זיך היימיש מיט אייך און דער פעלדשער איז פונקט דער היפוך! ווען ער קומט ארויף, ברענגט ער מיט זיך אזא קאלטקייט, אן אסמאספערע, וואס איז נישט צום גוטן פאר די קראנקע דא...

— דו האסט נאך נישט קיין סך הערפארונג אין לעבן, יאסעלע, — האט

מאטל וועכטער גוטמוטיק שמייכלענדיק געזאגט — און ס׳וועט דיר דעריבער נישט זיין לייכט צו פארשטיין וויאזוי פארשידענע מענטשן האנדלען. מיט דער צייט וועסטו פארשטיין ווי די סביבה פון א מענטשן ווירקט אויף זיינע אייגנשאפטן און מעשים. מרדכי פעלדשער שטאמט פון א סביבה פון אלעם גוטן און האט אים נישט געגעבן די געהעריקע פארשטענדעניש. וואלט ער פון דער נאטור געווען גוטהארציק, וואלט דער איינפלוס פון זיין סביבה נישט געהאט אזא שליטה אויף אים. ער וואלט שוין געזוכט וויאזוי צו העלפן אנדערע . . . נאך ווען ער איז געגאנגען אין גימנאזיום פלעגט ער חוזק מאכן פון די ארימערע גימנאזיסטן, געלאכט פון יענע וועלכע האבן נישט געהאט קיין נייע סורדוטן מיט בלאנקענדיקע קנעפ. און ווען ער איז אמאל אהיימגעקומען פון גימנאזיום מיט אונטערגעהאקטע זייטן, האט ער זיך נישט אפגעגעבן קיין דין־וחשבון, אז ער האט זיך דאס כשר פארדינט, נאר איז נאך מער פארביטערט געווארן אויף די ארימע גימנאזיסטן . . .

— און איר, ר׳מאטל, — האט יאסעלע ווייטער געפרעגט, — ווי איז עס געווען מיט אייך ?

— איך, — האט מאטל וועכטער ווייטער געזאגט, — קום פון אן ארימער משפחה, וואס האט געלעבט בשלום מיטן גורל, נישט געהאט קיין טענות צו גאט אדער צו מענטשן. טאמער איז ביי אונז אמאל נישט געווען קיין בעסערע ווי שווארץ ברויט מיט הע—רינג און טיי „נא־בריקוסקו״, האבן מיר אויך א הנאה געהאט דערפון . . . און ווען נאך מיין חתונה, אז א קינד האט געהאלטן אין איין קרענקען, פלעגט מיין שוואך ווייב אים מער העלפן ווי דער רופא. אירע צערטלעכע ווערטער און ליבשאפט האבן דאס קינד ממש מחיה געווען ! א חולה דארף נישט בלויז פיזישע הילף, נאר אויף בארמהערציקייט . . . איך האב דעריבער אנגענומען אט די שטעלע דא ווען דער שטאט־דאזאר האט זי מיר פארגעשלאגן און בין צופרידן. א שאד כ׳לעבן האט ער איראניש פארפנדיקט זיינע רייד — וואס מרדכי האט זיך נישט אויסגעקליבן א פאסיקערע פרנסה . . . געדארפט ווערן א פארוואלטער אין פאבריק אדער אן אפיציר אין דער ארמיי.

מיט גרויס אינטערעס האט יאסעלע אויסגעהערט די נייע רייד, נאכגעטראכט אביסל און אין א ווײַלע ארום ווידער א פרעג געטון,

— פארוואס עפעס אזעלכע פרנסות, ר׳מאטל ?

— ווייל דעמאלט וואלט ער געקאנט ארומקאמאנדעווען מיט געזונטע מענטשן ! ס׳קען אבער זיין, אז טאקע דערפאר איז ער געווארן פעלדשער . . . קראנקע מענטשן זענען דאך בטבע נישט קיין ווידערשפעניקע, און ער דארף דעריבער זיך נישט פיל, רעכענען מיט יענעמס געפילן . . .

דאס שפיטאל איז באשטאנען פון דריי צימערן אויפן ערשטן שטאק : צוויי זענען געווען פאר די חולאים : איין סאליע אויף רעכטס פון דער געביידע פאר מענער און די צווייטע אויף לינקס — פאר פרויען. יעדע סאליע האט געהאט א באזונדערע טיר פון אויסערלעכן קארידאר. דאס דריטע צימער איז געווען קלענער, ווייל א טייל דערפון האט געדארפט דינען ווי אן אינערלעכער קארי־



דאר צווישן די צוויי סאליעס, וואס האבן קיין טירן צום אינערלעכן קארידאר נישט געהאט. אט דאס מיטלסטע צימער איז אבער געווען פיל ברייטער און האט געדינט פאר אפעראציעס און אונטערזוכונגען. דארט האבן זיך געפונען די מעדיקאמענטן, כירורגישע אינסטרומענטן און פארשידענע קאלירטע פלעשער.

נאך אלס קינד פלעגט יאסעלע ליב האבן זיך אפצושטעלן א ווײַלע ביים אפטייקערס פענסטער, איינזאפן אין זיך די שמעקעדיקע ריחות, וואס האבן ארויסגעשפארט דורך דער טיר און באוואונדערן די גרויסע, קאלירטע פלעשער מיט די פעטע בייכער און לאנגע העלזער, וועלכע האבן זיך פארענדיקט ווי א לאנגער, רונדיקער, פארשניצטער, גראבער בליישטיפט. איז עס טאקע קיין וואונדער נישט וואס יאסעלען האט אזוי געגלוסט אפצואוועגן פראשקעס און, בכלל, צו זיין אין דעם צימער.

זער זעלטן האט מען עמיצן אפערירט אין יענעם צימער. כמעט אלע אפעראציעס האט מען אדורכגעפירט אין דער מענער־סאליע, וואו מען האט דעם חולה אוועקגעזעצט אויף א שטול ; און ווען נויטיק האט מאטל וועכטער דעם חולה צוגעהאלטן די הענט אדער א פוס אדער דעם קאפ, כדי נישט צו שטערן דעם דאקטאר אין זיין ארבעט. ערנסטע אפעראציעס האט מען געשיקט קיין ווארשע, וואו ד״ר סאלאווייטשיק האט געהאט א שם אלס דער בעסטער כירורג נישט בלויז אין פוילן, נאר אפילו איבער ליטע און אוקראינע.

אין א פרימארגן, ווען יאסעלע איז אריינגעקומען אין דער פרויען־סאליע, האט ער דארט באמערקט א פנים חדשות ; א פנים פון א יונג מיידל . . . צום ערשט איז ער שיער נישט פארבייגעגאנגען דאס בעטל און זי נישט באמערקט, ווען נישט אירע שווארצע האר, וואס האבן זיך אזוי בולט אפגעשלאגן צווישן ווייסן קישעלע און ווייסן ליילעך איבער דער קאלדרע. צוגעקומען צום בעטל, האט ער דערזען פאר זיך אן אויסגעדארט, בלאס פנים, בלאסע פארטרוקנטע ליפן דינע, דאס מויל עטוואס אפן און צוגעמאכטע אויגן. דער איינציקער סימן פון לעבן אין איר איז געווען דער אויבערשטער טייל פונם פלאכן קערפער, צו וועלכן די קאלדרע האט נישט דערגרייכט. צוזאמען מיטן אויבערשטן טייל פון דער קאלדרע האט דער חלק פון גוף זיך לאנגזאם און ריטמיש געהויבן ארויף און אראפ. יאסעלע איז געבליבן שטיין ביים בעטל פארגאפט . . . ער האט זיך געפונען אין א מאדנער פארלעגנהייט ווען אויפן צווייטן טאג ער האט געדארפט מעסטן די היץ ביי אט דער פאציענטקע.

ניין, פאר די עלטערע פרויען האט ער זיך נישט געשעמט. פארקערט, ר׳איז געווען שטאלץ וואס ער, א קליין יינגל און אליין א קראנקער, קען זיין נוצלעך ארום זיי. אבער דאס געפיל צום יונגן מיידל איז געווען גאנץ עפעס אנדערש. כאטש ער וואלט געווען צופרידן אליין ארונטערצולייגן דעם טערמאמעטער איר אונטער דער פאכווע, האט ער זיך אבער געשראקן פארן געדאנק : וואס וועט דאס יונגע מיידל טראכטן און פילן טאמער באריר ער איר אנטבלויזטן ארעם ? . . .

נאך אלעם, ער איז דאך נישט מער ווי א יינגל און אין די זעלבע יארן ווי

זי! אפשר טוט ער עס אלס אן אויסרייד? פונוואנגען זאל זי עס וויסן, אז דער
דאקטאר האט אים דערלויבט צו מעסטן די היץ ביי פרויען און מיידלעך?!
שטייט ער ביים בעטל און קאן זיך קיין עצה נישט געבן. און ווען אפילו זיי
לאכן נישט, נאר האבן מיטלייד מיט אים און זיינע קינדישע געדאנקען, וואלט
עס אים אויך פארדראסן, ווייל ס'וואלט שוין געווען פונקט אזוי גוט ווי זיינע
געדאנקען וואלטן מער נישט געווען קיין סוד אפילו פאר אים אליין; אז זיי
וואלגערן זיך שוין ארום אין די מיילער פון די פרעמדע ווייבער . . .

זי איז געלעגן א פארשמאכטע, מיט טרוקענע ליפן און א פראגע־צייכן
אי אירע גרויסע אויגן, וואס האבן קלאר געמאכט, אז זי האט היץ. יאסעלע האט
זיך אפגעווענדט פון בעטל און געבעטן א פארבייגייענדיקע יונגערע פרוי,

— אפשר וואלט איר אזוי גוט געווען צו נעמען די היץ ביי דער נייער
פאציענטקע? מיך קען זי דאך נישט!

— וואס הייסט „אפשר״? — איז די פרוי ארויס מיט א לשון. גיב מיר
נאר דאס גלעזל, יאסעלע. ביסט מסתמא גערעכט, אז אין דעם מעמד, נעבעך,
איז טאקע בעסער, אז איך זאל אכטונג געבן אויף איר. זארג נישט, מיין קינד,
ווען מיט גאטס הילף עס וועט איר בעסער ווערן און די היץ וועט אפטרעטן,
וועט זי זיכער זיין צופרידן, אז דו זאלסט אריינקומען און רעדן מיט איר. ווען
איך אלס יונג מיידל בין אמאל קראנק געווען, פלעג איך ווארטן מיט אומגע־
דולד אויף מיין חברטעס ברודער, אז ער זאל אריינקומען און זיך נאכפרעגן
אויף מיין געזונט . . . כ'האב געפילט ווי ערנסט ער מיינט עס און ווען ביים
אוועקגיין ער פלעגט מיר זאגן „איך האף, אז איר וועט שנעל געזונט ווערן״,
האט דאס פנים זיינס זיך אביסל גערויטלט און ער איז גיך ארויס פון שטוב.
וועסט אפשר לאכן ווען כ'וועל דיר זאגן, אז מיר האבן שוין, גאט צו דאנקען,
צוויי קינדער ווי די בלומען; און זייער שאדן אויף אלע טאטע־מאמע געזאגט!

ס'איז שוין געווען צייט צוצונעמען די טערמאמעטערס ביי די קראנקע,
און יאסעלע האט פארלאזט די סאליע טראכטנדיק וועגן דעם יונגן ווייבלס
אים אפגענומען דעם גאנצן טעם, אז ער האט אפילו נישט געקאנט קוקן אויפן
עסן. אין זיין שרעק האט ער אין יענע טעג זיך צוגעהערט צו די טריט, וואס
פלעגן זיך דערנענטערן צו דער טיר פון דער מענער־סאליע . . . דעם שווער־
גופיקן דאקטאר, מיט די סקריפעדיקע קאמאשן, האט מען געקענט הערן ווי
נאר ער איז אריין אין שפיטאל און זיינע לאנגזאמע סקריפ־סקריפ טריט אויף
יעדן טרעפל האבן אין יאסעלעס אויערן אפגעהילכט ווי א טרויעריקער ניגון,
ווי דאס קלינגען פון א בינטל שליסלען ביי א תפיסה־וועכטער בשעת ער דער־
נענטערט זיך צו דער צעלע פון א פארמשפטן צום טויט . . . ביי יעדן סקריפ
האט דאס הארץ אזוי געטיאכעט . . .

דרייצן מאל אין משך פון דריי חדשים האט מען יאסעלען אפערירט, און
כסדר איז אים דער קאפ געבליבן פארבויגן אויף א זייט. אויך דער וויטאג
האט זיך נישט פארלייכטערט.

וועט ער נאך אויסגעהיילט ווערן? יאסעלע האט שוין אנגעהויבן צו צוויי־
פלען אין דעם. אבער א געוויסן אונט האט זיך באוויזן א נייער דאקטאר אין



שפיטאל — דער יונגער ד״ר קאפלאן, וואס האט שטודירט אין ווארשע און איז
איצט צוריקגעקומען אין זיין געבורט־שטעטל אריין צו פראקטיצירן! ביי
יאמעלעס בעט האט ער פארברענגט א לענגערע צייט, אויפהייטערנדיק אים
מיט זיין באנעמונג. א שטיק געזונט איז יאסעלען דעמאלט צוגעקומען.

איז דאס געווען א נייע מעטאדע וויאזוי זיך אומצוגיין מיט חולאים אדער
איז עס געווען דער מענטש מיט די סאמע נייעסטע מעדיצינישע קענטענישן?
ווי ס'זאל נישט זיין, יאסעלע האט דערפילט ווי נייע האפענונגען דרינגען
אריין אין זיין נשמה; ס'גייט פאר אים א בעסערע צוקונפט. און ווען דער נייער
דאקטאר האט אים דערציילט, אז אין ווארשע אין דא אין יידישן שפיטאל אן
אפטיילונג פאר אפעראציעס מיט וועלט־בארימטע כירורגן, האט ער זיך געט־
ראכט אפשר וועט זיין א געלעגנהייט אויך פאר אים אריינצוקומען אין יידישן
שפיטאל אריין אין ווארשע.

## י. ה. בינענפעלד

### דא און דארט

מיין הארץ איז צעריסן,
בלוטיקט פון אלע זייטן,
שלעכט דא און דארט און אמעטום,
קאן מיר קיין ארט נישט געפינען.

ווען די ערשטע שטערן וועלן דערשיינען,
צו זיי וויל איך פליען,
דארט א מקום מנוחה געפינען.

ווו קיין מענטש נישט פאראנען,
דארט וויל איך מיין נשמה אויסהויכן.

## א. נ. שטענצל

### דאס בית - החלוצים הויז אין טוועלא

1

ס'איז נישט אדורך קיין דריי־פיר וואכן און דאס האלצערנע הענטל פון
מיין לאפעטע האט געהאט די קאלירן פון מיין האנט; מיין געצייג איז געווארן
די פארלענגערונג פון מיין ארעם, פון מיין האנט, פון מיינע פינגער. די
שלאנקע, דורות־לאנגע אויסגעאיידלטע, תלמידי־חכמים געירשנטע אברים, מיט
זייער צוגעשפיצטקייט און שארפקייט האבן באקומען אויף זיך באוועגלעכע
מוסקולן, גענומען אויף זיך פלייש, אויסגעקיילעכט געווארן. אראפווארפנדיק
פון מיר דאס רעקל, פארקאטשענדיק די ארבל הויך איבער די עלנבויגנס, נע־
מענדיק דעם „שפאטן״ אין דער האנט אריין, האב איך אליין ווי עפעס א הנאה
געהאט צו כאפן א קוק אויף זיי; מיינע כמו־שמייכלדיקע ליפן האבן א שקצישן
שפיי געטון אויף די פארהארטעוועטע דלאניעס און זיך גענומען צו דער
ארבעט — די לאפעטע האט געלעבט אין מיינע לאפעס, האט געטאנצט.

דורך די דריי־פיר וואכן בין איך נאך נישט געווארן קיין האלענדישער
גערטנער, אבער די מלאכה פון גראבן די ערד האב איך אויסגעלערנט. סוף־

כל־סוף איז דאך די פראסטע אב־מלאכה פון גראבן נישט שווערער ווי די סוגיא אין שבת מיט אלע אירע „תולדות“ ותולדות תולדותיהם“ . . . אז מען קאן נאר ארבעטן, קאן מען זיך ממילא אויך אומשטעלן אויף אנדערע ארבעט.

צי ערגעץ דארט אין מוח און עס פאלדלט זיך דער שטערן, צי ערגעץ דא אין חוט־השדרה און עס קנייטשט זיך דער רוקן ? . . . אבער דאס אומשטעלן זיך איז נישט אזוי איינפאך . . . סוף־כל־סוף איז דער מענטשלעכער גוף נישט קיין גאנצער אויטאמאט . . . עס קאסט נערוון־אנשטרענג, א באהערשן פון כוחות.

די ערשטע טעג בין איך אהיימגעגאנגען מיט בלאזן אויף די הענט, אויף די שפיץ־פינגער ; זיי האבן געשוואנדזשעט, געברייט. גראבנדיק, האבן די בלאזן געפלאצט און זיך צוגעקלעפט צום האלצערנעם הענטל, און געבלוטיקט און געאייטערט. די ערשטע וואך האב איך נאך קיין מאזאליעס נישט געהאט אויף מיינע הענט — אפילו נישט קיין אייטערדיקע געשווירן. די בלאזן האבן כסדר געפלאצט און ווידער זיך נאך גרעסער אויפגעבלאזן, אבער דאס הענטל פון מיין שפאדעל האט שוין אנגעהויבן „מענטשלעך אויסזעען“ . . . פאראייטערט, פארבלוטיקט . . .

אביסל שפעטער האבן שוין קליינע געשווירלעך, ווי פערלמוטערנע שפילקע־קעפלעך גענומען ארויסקוקן פון דער פארהיילטער, פארהארטעוועטער הויט און צוזאם מיט די שטעכענישן אין רוקן האבן די דלאניעס אויפגעהערט ווי צו טון ; און דער האלצערנער סענק אויפן הענטל פון שפאטן, וואס האט מיך קאסאקע אנגעקוקט : „הא, ברודערקע, עס שמארצט, עס טוט וויי“, איז אויך ווי אויף איינמאל פארשוואונדן —

די ערשטע פאר וואכן, ביז אויף די דלאניעס פון מיינע הענט האבן זיך געוויזן די פארהארטעוועטע מאזאליעס, בין איך בשעת דער ארבעט בייטאג ממש געווען ווי א מין באזעסענער גולם מיט א שם אונטער דער צונג. עפעס האבן זיך מיר ווערטער פון מויל ארויסגעווארפן צוזאם מיט די שפאדלעס־ערד. וואלט איך זיי דעמלט אויפגעשריבן, וואלטן זיי געווען שורות פון א ליד . . .

אהיימקומענדיק א פארברענטער, אן אויסגעטרוקנטער פון דער גליאיקער זומערזון, א פארמאטערטער פון דער שווערער ארבעט, א צעווייטיקטער פון די שטעכענישן אין רוקן, פון די וואונדן אויף מיינע הענט, מיט אפאר אויסגעדרייטע פיס פון די הילצערנע „קלומפן“, בין איך אנידערגעפאלן אויפן בעט א צעגליטער פון פיבער און אזוי אפגעלעגן א גאנצע נאכט אין די קליידער ; א פאר מאל איבערגעוועקט פון אויסגעשרייען פון קאשמארן־חלומות: פון טאנציקן שפאטן־שטעקן איז געווארן א שלאנג און בייסט מיך אין די פינגער . . . כ׳כאפ מיך ווילד אויף, לויף צו די ארבעט, א דערשראקענער, א טרוים־באזעסענער.

ס׳איז נישט אדורך קיין דריי־פיר וואכן און כ׳האב גענומען שפירן די מאזאליעס אויף מיינע הענט, גענומען אנטאפן די מוסקולן אויף מיינע ארעמס — מ׳איז יונג, מ׳האט א חלום, מ׳האט א ווילן, דאס גוטע עסן נאך די הונגעריקע מלחמה־יארן, די פרייד פון באקומען מיינע ערשטע שכירות, דאס ערשטע



ארבעטסגעלט פאר מיין עבודת־הפרך, די פרייד צו זיין א הארעפאשניק, א פראלעטאריער . . . נאך א וואך, נאך א וואך און מיר פארן אפ ווי א געשלאסענער קבוץ קיין ארץ־ישראל — אויס לופט־מענטשן, אויס באנק־קוועטשערס נוצלעכע ארבעטער, א נייע געזעלשאפט. ס׳איז נישט קיין חלום, ס׳ווערט וואר ; מיט מאזאלעס־הענט אנטאפנדיקע ערדישע ווירקלעכקייט . . .

די דריי־פיר וואכן זענען געווען ביי מיר ווי אמאל אין מיין התמדה־צייט, מיך צוגעכאפט צו דער גמרא יומם־ולילה אן אויפהער — איך בין קיין אויסגעלערנטער גערטנער נישט געווארן דורך דער קורצער צייט, אבער אן ערדארבעטער, א „שפיטער“, וואס האט ביים סוף פון חודש אנגעהויבן צו באקומען זיין פולן געהאלט.

כ׳האב גענומען פארשטיין פארוואס מ׳רופט די ערד — מאמע ערד ! כ׳האב דערפילט, אז ס׳איז טאקע דא אזא מין חיה וואס איז צוגעבונדן מיטן נאפל צו דער ערד, און אז מ׳שניידט אים אפ שטארבט זי . . . ס׳איז נישט קיין לעגענדע ! כ׳האב געשפירט דעם אפענעם ווארעמען טראכט פון דער ערד, די געבערערין און די דערנערערין פון אלץ.

חברה, די פאר חלוצים, וואס זענען געבליבן וואוינען צוזאם און געהאט א ציל אויסצולערנען זיך די „אינטענסיווע“ האלענדישע גערטנעריי, קומענדיק פון א טאג „פראקטישע“ ארבעט אין די גערטנער, לערנענדיק פון אלעם צו ביסלעך, האבן זיך ערשט גענומען צו דער אמתדיקער עבודה אין דער היים : לערנען טעאריע, באטאניק, באמיסטיקונג, כעמיע ; מ׳האט געלייענט ביכער, געלאפן אויף קורסן — דא לערנט מען, דארטן אין פאלעסטינע וועט מען זיך שטעלן צו דער ארבעט ; דא איז הכשרה — דא לערנט מען : ארבעטן, עברית, חברשאפט . . . דא איז מען „סטודענטן“, „פראקטיקאנטן“.

איך בין פארכאפט געווארן פונם ריח־השדה, כ׳בין געווארן אן עשיו. אינם „פעט“, א מין מאטשעיווקע, אן ארבעטער־היטל, וואס כ׳האב מיר געקויפט פון מיין ערשטן פארדינסט ; מיט דער קוטשמע האר, וואס האט ארויסגעקוקט פון אונטערן דאשעק, האב איך אויסגעקוקט ווי אן אמתער עשיו מבטן ומלידה.

באקומענדיק מיין פולן געהאלט־שכירות, האט מיך דערעק אנגעקוקט ווי אן אייגענעם און מיך גערופן אין קנייפע אריין, „באגיסן“.

דערעק איז געווען א מענטש מיט א טראגעדיע, אן איינזאמער, בייטאג האט ער זיך געראטעוועט ביי דער ארבעט, ביינאכט ביים גלאז־ביר ; מיט זיין געניטשאפט און מייסטערשאפט איןביידע האט ער זיך געהאלטן איבערן וואסער. אנטרעפנדיק מיך, א מין „זאנדערלינג“, א „פאעט“, האט עס אים אפנים געצויגן צו מיר.

די פאר געציילטע האלענדישע ווערטער, וואס כ׳האב געקענט, שנעל אויפכאפנדיק די מעלאדיע פונם ליד „מאיווער פאם דאך, מאי ווער פאם דאך“ און מיך דערפילט אין דער רויכיקער, הייס־דאמפיקער שענק ביי א גלאז ביר מיט דערעקן ווי ביי א שלוש־סעודות אין שטיבל. אויב איך האב ארויפגעקוקט צו דערעקן ביי דער ארבעט אין גארטן, ערשט דא אין שענק . . . ער האט אין זיך געגאסן ווי אין א ליידיק פאס אריין און די אויגן האבן אים געשטראלט

ניכטער — ביי דער ארבעט פארלירט ער נישט קיין באוועג אוןביים טרונקן גיט ער זיך נישט קיין באוועג . . . די „פונדע“ האט ער באצאלט! און שפעט ביינאכט האב איך ערשט געמוזט גיין מיט אים עסן א פעטן און געפעפערטן נאכט־עסן, זיך אביסל אויסצוניכטערן. אהיימקומענדיק אין „האטעל א בעט פאר צוויי“, האב איך שטיל מיך אריינגעגנבעט נישט אויפצואוועקן קיינעמען.

אנדערע מענטשן האבן עס אפשר לייכטער. זיי נעמען פון די זאכן אזויפיל וויפל זיי האבן נויטיק און לעבן זיך אויס זייער לעבן. איך ווער „פארכאפט“ פון די זאכן ביז זיי ווערן אויסגעלעבט און איך בלייב א הוילער, א ליידיקער, ווידער פריש אנצוהויבן . . . א כסדרדיק אנהייבן, ווי שווער דאס איז — מיט אייגענעם לייב־און לעבן אלץ אליין מוזן דעגיין, דערפארן.

זייט יענער נאכט בין איך שוין אפט מיט דערעקן גלייך נאך דער ארבעט מיטגעגאנגען אין דער פייקעס־אנגעהויכערטער שענק אריין, געזעסן מיט אים ביים גלאז ביר, געשוויגן און מיטגעזונגען, און ציענדיק דעם „מאי ווער פאם דאך“ אריינגעלייגט אלע מיינע דמיונות אין דער מעלאדיע אריין. און ווי ביי טאג איינגעאטעמט אין מיר דעם גערוך פון דער אפענער ערד, אין די נעכט ביים גלאז ביר איינגעאטעמט דעם גערוך פונם מענטשלעכן לייב — מאנכע האבן זייערע ווייבער מיטגעהאט; צו א גלאז ביר האט זיך יעדע פריש אריינגעקומענע געלאזט איינלאדענען . . . די שטוב האט זיך געטיקט אין א דאמפנדיקן ווייריך. מ׳האט דעם שוויס־גערוך געקענט אנטאפן מיט די הענט — איך האב אים תאוהדיק אין מיר אריינגעזויגן; פרעמד׳ס און גלוסטנדיקס. מיט די נאסטערס האב איך עס אין מיר איינגעזויגן — מיין אייגענער גוף האט באקומען א פרעמדן גערוך, א נייעם ריח, דער ריח פון דער ערד . . .

חברה האט אויף מיר גענומען קוקן קרום. ווארים אז כ׳בין שוין יא אמאל געקומען און געבליבן אין דער היים נאך דער ארבעט, בין איך געבליבן זיצן אפגעזונדערט ביחידות אויף מיין בעט אין ווינקל און געשריבן א ליד. פערטיק געווארן און גענומען מיין „פעט“, זאגט צו מיר פרידלאנד: „וואס לויפסטו, משוגענער, וועסט דאך ווערן א כאם, אן עשיו . . . קום אהער, נעם א לעקציע טעאריע איבער כעמיע, באטאניק, באוואסערונג“.

„איך לערן טאקע יעצט ווי צו ווערן אן עשיו!“ האב איך אים געלאכט אין פנים אריין. געכאפט דעם „פעט“ און ווילד מיך געלאזט לויפן: קוק זיי אן, יעצט גייען זיי לערנען די דינים פון באמיסטיקן . . . „געב זיי קאנאריען־פייגל דרעק!“ צעלאך איך מיך: אנדערש ווילן זיי נישט . . . אזוי שטייט עס אין ביכל: צו „אנדייפי“ — קאנאריען־דרעק!“

פארבייגעגאנגען פאר א וועגעלע מיט אויבסט, האב איך מיר געקויפט א פונט ווענגערקעס. אין איין האנט געהאלטן דעם טיט ווענגערקעס און אין דער צווייטער דאס נישט־געענדיקטע ליד. קוקן אויפן בייגעלע פאפיר א פארטראכטער און שפייען די קערן צווישן די פארבייגייער איז עפעס נישט באקוועם. לאז איך מיך אין מיטן וועג, און צווישן די שינעס, וועל איך דאך זיכער נישט פארבלאנדזשען . . . כ׳פיל מיך א באפרייטער, ווי ארויסגעלאפן פון דער גאנצער וועלט! גיי איך מיר אזוי און שפיי די קערן פון די ווענגערקעס און קריצל



מיטן בליישטיפטל אין פאפיר און הינטער מיר קלינגט דער טראמוואי. איך בין אזוי געווען פארטון פון דער הנאה אי פון די ווענגערקעס אי פון די שורות.

דער קאנדוקטאר האט איינגעזען, אז ער וועט מיט זיין קלינגען גארנישט אויפטון, האט ער זיך מטריח געווען, אפגעשטעלט דעם טראמוואי און צו מיר אראפגעקומען. ער האט מיך אנגערירט, ווי א באקאנטן ביים באגריסן . . .

מיר האבן זיך בײדע צעלאכט. דאס ליד האב איך אים נישט געקענט פארלייענען, אבער מיט אפאר ווענגערקעס האב איך אים מכבד געווען: „אשטע בליף“, (ביטע). פון פארנדיקן טראמוואי האט א באקאנט קול צו מיר ארויסגעשריגן: „פרא אדם!“

זונטאג אויף א שפאציר מיט חברה ביים ברעג פון דער אמסטל, האט קלארא געוואלט רעדן מיט מיר תכלית: „קודם האט מען דאך אפגעשמועסט, אז מיט לידער איז אויס — ענטוועדער אדער! און צווייטנס: מ׳איז אין האלאנד און מ׳האט די מעגלעכקייט צו לערנען די אינטענסיווע גערטנערײ, וואס ס׳זאל איצט ווערן דער יסוד פאר פאלעסטינע“.

איך האב געזעען מיט וואס דאס שמעקט און האב דעם שמועס איבערגעריסן: „איך קאן שוין גענוג. יעדע מינוט בין איך גרייט . . . ס׳וועט אין ארץ־ישראל אויך ברויכן ערד־ארבעטער. איך וויל גראבן די ערד — איך וויל זיין אן עובד־אדמה! אויב ס׳איז נויטיק טעאריעס, וועט מיין ווייב זיין די טעארעטיקערין“. און מיך הנאהדיק צעלאכט, ווי ביי א גלאז ביר מיט דערעקן.

קלארא קוקט ליבלעך און פון חברה הינטער אונז האט איינער אויסגערופן: „קין איז אויך געווען אן עובד־אדמה“. עס איז געווען דאס זעלבע קול וואס האט פון טראמוואי ארויסגערופן: „פרא אדם!“

„קיין ווענגערקעס האב איך נישט, אבער דאס ליד האב איך דא ביי מיר“. איך האלט עס שוין אין דער האנט און לייען פאר דאס קעפל: „דערעק“.

צווישן חברה ווערט א סומאטאכע. קלאראס לאכן און אירע מאמעדיקע אויגן וואס קוקן אויף מיר, שרייט איבער איינער מיט א צעבליצטן בליק: „פארהעד קיינעם נישט די ציין. מיר קענען שוין דיינע דערעקס נאך פון די קאפע־טישלעך . . . גיי דאך צו זיי, אז ס׳ציט דיך אזוי שטארק . . . מיר האבן דיר געגעבן א שאנס“.

איך האב אין מיר דערפילט דעם שטאלץ פון א מענטש, וואס האט געשאפן א ניי ליד, כ׳האב געפילט אין מיר די נייקייט פון א ליד; דערפילט אין מיר דעם כוח פון א מענטש, וואס קאן לעבן פון דער ארבעט פון זיינע הענט:

„חברים, מיין חלום איז צו גראבן אן אקער־ערד ביי די פיס פון א. ד. גארדאן, און ער זאל זי באזייען מיט זיינע טעאריעס“. איך האב נאך געוואלט צולייגן: „און קאנאריען־פייגל דרעק וועט שוין נישט פעלן“, אבער די סומאטאכע צווישן חברה איז געווארן שטארקער. האב איך מיך שנעל אויסגעדרייט און צו מיר שטיל געשעפטשעט: „מה לי הכא, מה לי התם“ און מיך געלאזט אין דער שענק אריין, וואו כ׳האב געוואוסט, אז כ׳וועל טרעפן דארטן דערעקן.

די נאכט האב איך באצאלט פאר דער „פונדע“ און אויך שפעטער פארן

געפעפערטן נאכטמאל זיך אויסצוניכטערן. שלאפן בין איך שוין נישט מער אהיימגעגאנגען. אויפן הערבערג, וואו דערעק האט געהאט א בעט צו שלאפן, האט ער אויך איינס פאר מיר גענומען —

ביי אזא יונג מיט אזא „פעט", וואס די טשופרינע וואקלט אים שכורלעך אין די בלויע אויגן אריין, צוזינגענדיק זיך: „מאי וואר פאם דאך", וואס דערעק רופט אים פאטערלעך: „בראם, בראם" — פרעגט מען נישט אין קיין פאפירן...

* * *

די נאך־מלחמה קאנפערענצן האבן זיך געצויגן; די גרויסע פעלקער, די זיגער, האבן גארנישט געקענט אדורכקומען איינצוטיילן צווישן זיך דאס חרובע וועלטל. יידישע דעלעגאציעס זיינען אויך געקומען אנגעפלויגן פון אלע וועלט־טיילן. די באלפור־דעקלאראציע איז טאקע געווען א פאקט, אבער אין דער אייגענער, געזיכערטער היים האט מען נישט אריינגעלאזן — מיניסטארן זענען נאך אלץ געזעסן און אויסגעטייטשט און אריינגעטייטשט אין אירע פאראגראפן. אונטער די קוליסן האט מען פאליטיקירט, אינטריגירט, שטימען פארהאנדלט. יידישע שתדלנים האבן געקלאפט טירן, איינגעלייגט וועלטן, געבראכן זיך די קעפ, אבער פון ארט האט עס זיך נישט גערירט.

חלוצים האבן אבער נישט געווארט אויפן ביסל סערטיפיקאטן פון דער „בלאפער"־דעקלאראציע, ווי זיי האבן ציניש אנגערופן אין זייער אויפגערעגטקייט די באלפור־דעקלאראציע — יעדעס מיטל, יעדער וועג איז כשר געווען, אויב מ'האט געקענט קומען קיין פאלעסטינע —

צוזאם מיט די מלחמה־פארטריבענע פונם לאנד, האבן זיך אויך אביסל חלוצים אריינגעכאפט אויף א „לעגאלן" אופן, אויף געמאכטע טערקישע פעסער.

די עיקר־עליה אבער איז געגאנגען אויף אייגענער האנט. געגנבעט זיך אויפן ים איבער רומעניע, איבער ווין, איבער קאנסטאנץ, אויף צעבראכענע שיפן איבער אדעס, געקראכן איבער די פערסישע בערג. אין די אוקראינישע פאגראמירטע שטעטלעך האט אן אייזערנע האנט — טרומפעלדארס! — געארבעט און חלוצים זענען אנגעקומען אין יפה־פארט . . . דער נאמען זשאבאטינסקי איז געווען א פאראל, א שם־המפורש פאר די בחורים און מיידלעך אין די יידישע שטעטלעך אין פוילן און אין דער ליטע.

מיר דא אין אמסטערדאם זענען געבליבן שטעקן ווי שטייענדיק וואסער, וואס איז אפגעריסן געווארן פון א שטראמיקן טייך. עס האט געהייסן: איר דא זענט די אויסגעוויילטע, איר האט די גרויסע מעגלעכקייט זיך אויסצולערנען די אינטענסיווע גערטנעריי, די געמישטע פויערן־ווירטשאפט, די בארימטע האלענדישע פיצוכט — ניינציק ליטער מילך גיט א האלענדישע קו אין איין טאג! — איר זענט די גליקלעכע, די אויסדערוויילטע.

און חברה האבן געלערנט, געווארן „סטודענטן", „אגראנאמען", „באטאניקער" „גארטן־ארכיטעקטן", געגאנגען אויף קורסן, געווארן פרייע צוהערער אויף אוניווערזיטעטן — דעם פלאץ פון די דיסקוסיעס האבן גענומען די טעאריעס! און דער בית־החלוצים אין טוועלא איז געווען דער מיטלפונקט, דער זאמלפונקט — די ישיבה־גדולה פאר חקלאות!



די לעצטע פינף אין אמסטערדאם ביי די גערטנער זענען נאך געבליבן יאקאב אא, קלארא, דער ווארשעווער סטודענט, וואס האט געווארט אויף א סערטיפיקאט צו פארן קיין אמעריקע און דארטן ענדיקן אויף דאקטאר־מעדיצין. פרידלאנד, וואס האט געהאט א טאטן אין ענגלאנד און געזוכט א שעת־הכושר אהינצוקומען, און איך וואס האב מיר שוין פארדינט מיין לעבן מיט „שפיטן" און געלעבט א „חזיריש לעבן" מיט די יארדאנער שקצים אין די שענקען — אויב נישט ביים ירדן, זאל זיין כאטש מיט די יארדאנער; אזא מין פאעטישע אסאציאציע מן־הסתם . . . דער התלהבותדיקער, דער פיבערגליעדיקער גאולה־חלום האט זיך גענומען פאמעלעך פותר זיין אין זיין רעאליסטיש אויפוואכנדיקער, וואכיקער וואר . . . צי גאר אפשר אויסוועפן!

ווי האב איך זיי ליב געקראגן, מיט זייער פשטות, מיט זייער אפנקייט, מיט זייער ליבשאפט און געטרייקייט ביי דער ארבעט און ביי דער חברותא אין שענק ביים גלאז ביר און ביים געזאנג. כ'האב פארגעסן אין דער יאדן־ברעסטראאט, אין די יידישע קנייפעלעך דארטן, אין די קאפעס, אין א בוך צום לייענען, אין א בריוו אהיימצושרייבן: אפגייענדיק אין זיבעטן שוויס אין די הייסע טעג, ארויסווארפנדיק מיטן שפאטן די גרודעס ערד, דאמפנדיקע, איינאטעמענדיק מיט א תאווה דעם גערוך, מיך גארנישט צו זעטיקן מיט אים; דעם ריח צוזאמאל פון מיין אייגענעם שוויס, מיט א מין חיאיש־פיזישער הנאה, און אין די אווענטן צוזאם מיט דערעקן ביי א לאז ביר, ביי נאך און נאך איינס, אין דער פייקע־פארראיכערטער שענק — דעם גערוך פון די יורנדיקע, דאמפנדיקע לייבער, דעם ביליקן טאבעק־רויך און דעם ריח פון די פעטע מאכלים. אז כ'בין שטיל זיצן געבליבן, האב איך ניכטערדיק געשמעקט צו מיר ווי א חיה . . . געשפירט די ערד אין מיר.

ווער ווייסט ווילאנג דאס וואלט זיך אזוי געצויגן, אפשר שטענדיק, אפשר אייביק. עס איז מיר גוט געווען. איך האב מיך געפונען, מיין לייב וואקסט, מיינע אויגן לייכטן, אויס פראבלעמען, אויס טעאריעס — דאס לעבן איז אזוי פשוט, אזוי גרויס, אזוי טיף; מיטן שפאטן גראבט מען זיך אלץ טיפער; און די מענטשן ווי גוט זיי זענען, ווי ערלעך — „איך האב דעם מענטש גראד באשאפן, נאר ער פארקרימט זיינע וועגן" . . .

עס וואלט פארביי ראש־השנה און יום כפור און איך וואלט אפילו נישט געוואוסט . . . שוין איבער זעקס וואכן ווי איך האב אין האטעל נישט נאכגעפרעגט אויף א בריוו פון דער היים . . .

אין א זונטאג פארנאכט, כ'גיי פון רייקס־מוזעאום, זע איך א(גרויסן פלאקאט: „צוריקפארנדיק פון זייערע קאנפערענצן, וועלן האלטן רעפעראטן אויף א גרויסער מאסן־פארזאמלונג די ציוניסטישע פירער: נחום סאקאלאוו, וולאדימיר זשאבאטינסקי און פראפעסאר חיים וויצמאן".

איך לייען דאס דאטום, עס איז היינט אין אוונט — דאס דאטום איז דריי־פיר טאג פאר ראש השנה.

ווען כ'בין אהינגעקומען, האט זיך די פארזאמלונג שוין געהאט אנגעהויבן. דער זאאל איז געפאקט. כ'בין ארויף אויף דער גאלערקע — קאפ אויף קאפ.

סאקאלאוו האט גערעדט, אבער איך האב אים נישט געזעען, די ווערטער נישט געקענט אויפכאפן. איך האב נאר זיין קול געהערט — עס איז געווען א מין שבת־תשובה דרשה פון א מרא־דאתרא, א בטלן, וואס שטייט אויפן מעלעמער א פארהילטער אין טלית און פארענטפערט אין הארבן רמב״ם נאכן אנדערן; אינמיטן ענדערט זיך דאס ווירטואז־רחריפישע קול מיט אן אקטאווע נידריקער און ס׳ציט זיך א משלדיק מעשהלע, די פראסטע בעלי־בתים זאל אויך עפעס האבן פון דער טיפער דרשה... ווען ער איז אראפ פון דער בינע, האט זיך דער עולם כאיש אחד א שטעל־אויף געגעבן — ווי א שטורעם־ווינט וואלט אדורך איבער דעם ים מיט קעפ.

מ׳האט אויפגערופן זשאבאטינסקין — די גאלערקע האט א ציטער געטון, א געפאטש, א געשריי: „יחי זשאבאטינסקי! יחי זשאבאטינסקי!!“

אין דעם טומל און געפאטש איז מיר געלונגען צו צום פארענטש: ווי א פלאם איז ער צו צו דער בינע. יעדער זאץ זיינער איז באגלייט געווארן פון א שטורעם אפלאדיסמענטן. איך האב די גאנצע צייט געקוקט אויף זיין ביילן־גיבלדיקן שטערן — ווי אן אקס־שטיר האט ער אויסגעזעען, א לויפנדיקער צו בעמען וועם אויף די הערנער.

ווייצמאנס שטיין אויף דער בינע איז געווען דאס מאיעסטיטישע אליין — אן עמוד־הענן פארהילט אין דעם האמפנדיקן־רויכיקן נעפל, וואס איז אויפגעגאנגען פון דעם טויזנט־קעפיקן עולם. א שטילקייט האט דעם זאאל ארומגענומען.

ער האט אנגעהויבן: „איך רעד אין דער שטאט, וואו ס׳איז געבוירן געווארן דער מענטש, וואס האט געשליפן די גלעזער וואס די גאנצע וועלט קוקט דורך זיי“. דאס געלאסענע ארויסזאגן פון די ווערטער דאס מוזיקאלישע אין זיי האט געמאכט קלאפן די טויזנטער הערצער ווי איין הארץ.

קיין נביאישע פסוקים, קיין פארויסזאגן דעם קץ — עס איז געווען א ציענדיקע סימפאניע איבער פארחלומטע קעפ. און ווען דער עולם האט אפלאדירט, איז עס געווען ווי די פייקלען, ווי די מעשענע טאצן פאלן אריין אין דער מעלאדיע פון דער ציענדיקער ערשטער פידל.

אראפגייענדיק אויף די גאלערקע־שטיגן ווי א פארחלומטער, האב איך ווי דורך א נעפל דערזעען פרידלאנדן מיט זיין חבר, דעם ווארשעווער מעדיצין־סטודענט — זיי האבן מיר דערציילט, אז ס׳ליגן בריוו פאר מיר אין האטעל און „סטייטש, היתכן, וואכן שוין און מ׳ווייזט זיך נישט . . . אלע פרעגן זיך אויף דיר נאך . . . מ׳האט דיר די קרוין אנגערירט“? . . .

פון זיי האב איך געהערט, אז זיי ארבעטן שוין נישט . . . זיי האבן שוין זייערע וויזעס . . . יא, זיי זענען ציוניסטן און בלייבן עס זייער גאנץ לעבן, „אבער מ׳מוז דאך זען א תכלית“.

„זעט איר“, האב איך זיי איבערגעריסן: „אויב א תכלית, האב איך אים געפונען. טאפט אן מיינע ארעמס, מיינע הענט. יעצט פיל איך, אז כ׳בין א מענטש; אז כ׳בין א חי נושא את עצמו . . . איך קאן קוקן אן אנטיסעמיט אין די אויגן אריין און געבן אים מיט דער פויסט, אויב ער וועט זיין איינגעש־



פארט“. איך קוק זיי אן, ווי זיי וואלטן געשמייכלט מיט איין שמייכל, עס רעגט מיך אויף, מיינע אויגן שפיר איך צינדן זיך אן: „גלויבט מיר, אויב מען פארשווייגט אן אנטיסעמיט, איז נישט נאר ווייל מ׳האט ווייניקער כוח, נאר מען פילט, אז אביסעלע איז ער פארט גערעכט“ . . .

זיי ווילן מיך איבעררייסן נאר איך לאז מיך נישט;

„מ׳מוז גאר נישט האבן אייגענע ערד, מ׳מוז זי נאר ליב האבן, זיך אנשמעקן מיט איר ריח — ס׳איז לי כל הארץ, די גאנצע ערד געהערט אלעמען. אט די יארדאנער שקצים, איר ווייסט גאר נישט ווי דאס האט ליב איינס ס׳אנדערע... ווי די הינט שמעקן מיר זיך איינס צום אנדערן... ס׳זעלבע הייפעלע ערד זיינען מיר . . . ווען כ׳גיי פון דער ארבעט און זע די טעקעמענטשן גיין פון די ביוראס האב איך רחמנות מיט זיי . . . און וואס זיינען מיר, די טארבע יידן, די זעקל־ידעלעך? אפגעריסענע בריאים...“

„הער שוין אויף, דו דיכטעסט שוין ווידער, דו רעדסט שטותים“, האט מיך איבערגעריסן דער סטודענט: „ס׳וועט פון דעם מעל קיין ברויט נישט ווערן... ס׳וועט מיר ארויסוואקסן האר פון מיין דלאניע, אויב דו וועסט בלייבן ביי דער ערדארבעט . . . ס׳איז א פארליבעניש אזא . . . ס׳וועט אויסוועפן, ווי אלעמאל . . . דו ביסט נישט דאס מאטעריאל . . . האסט געהערט די דריי רעדנער. יעדער האט גערעדט עפעס אנדערש, אבער אלע מיינע איינס: ארץ־ישראל. אבער ביי דיר איז אלעמאל צוויי, צעריסן: אדער ר׳ ישראל אדער ארץ־ישראל. מיר ווילן נישט קיין לאנד פון עם־הארצים, קיין קינס, קיין עשיוס — היינט טרינקען זיי מיט דיר פון פולן גלאז און מארגן שפאלטן זיי דיר דעם קאפ מיטן ליידיקן פלעשל“.

מיר זענען, אזוי קריגנדיק און רעדנדיק, אנגעקומען אין האטעלעכל. איך האב אויפגעריסן א בריוו, און דערזעענדיק נאר דעם טאטנס פערלדיקע כתב, די לשון־קודשדיקע, גלייכע שורות, ווי זיצנדיקע פייגעלעך אויף א טעלעפאן דראט און נישט געזעען צוגעשריבענע פון דער מאמען, די באטשאנע־אותיות אין יידיש, האט מיך שוין שרעק ארומגעכאפט — די לויפנדיקע שורה האב איך שוין דערזעען נאך איידער דער מוח האט אויפגעכאפט און פארשטאנען: „אחיך הרב שלמה זצ״ל.“ איך האב מסתם ווייטער געלייענט, אבער —

איך האב ארויסגעלאזן א מאוימדיקן געשריי צוזאם מיטן בריוו פון דער האנט און מער נישט געזעען וואס ס׳טוט זיך ארום מיר.

איך בין שוין די נאכט געבליבן מיט זיי. נישט כ׳האב די נאכט געשלאפן, נישט כ׳בין אין דער פרי אויפגעוואכט, נישט כ׳בין געגאנגען צו דער ארבעט. נישט כ׳האב מיך אנידערגעזעצט זיצן שבעה. ס׳זענען געווען נאך בריוו כ׳האב זיי נישט געעפנט. כ׳האב כסדר אנגעכאפט עפעס א ווייטן, פארנעפלטן, נישט דערגרייכענדיקן געדאנק . . .„ כ׳מוז דאך א בריוו אהיים שרייבן“, אבער דער פארשוומענער געדאנק האט זיך כסדר פארלוירן אין דעם ווייטן נעפל . . .

נאכמיטאג איז באשטימט געווארן, אז איך פאר אין חלוצים־הויז אריין, אין בית־החלוצים אין טוועלא. זיי האבן מיך געברענגט צו דער סטאציע, געקויפט א בילעט קיין דעווענטער. „דארטן וועט מען מיך שוין אפווארטן“, און מיך אריינגעזעצט אין צוג.

(שלום פון קאפיטל קומענדיקן חודש)

הערי אריעל

## יאזעף מארקאוויטש ע.ה.

איך בין געשטאנען און זיך פארקוקט אויף די פלאמען פון די ליכט וועלכע האבן געברענט ביי אים צוקאפנס און מיינע אויגן זיינען עפעס פארלאפן געווארן און די פלאמען זיינען געווארן גרעסער . . . שטארקער . . . דורך מיינע פייכטע אויגן זיינען דאס געווען פלאמען פון רעפלעקטארן וועלכע באלויכטן א בינע אויף וועלכע עס שטייט א קליין מענטשעלע מיט א הערליכן קאפ ווייסע האר און זינגט א לידל „אהיים, אהיים, אהיים צוריק“ . . . דער עולם אין טעאטער זינגט מיט דעם רעפריין, מען לאכט הארציק פון די טראגי־קאמישע ווערטער פון דעם לידל . . . ווער איז דאס דער אקטיאר וועלכער קען אזוי מיטרייסן דעם גאנצן עולם ביי עטליכע זיבעציק יאר? . . . ס׳איז יאזעף מארקאוויטש. — — דער זעלבער יאזעף מארקאוויטש וועלכער האט מיט זיינע קאמפאזיציעס, מיט זיינע מעלא־רעציטאציעס בארימט געמאכט נישט איין יידישן אקטיאר.

איך בין אלט געווען 10 יאר ווען איך האב צום ערשטן מאל געהערט אין לאדזש דעם גרויסן אמעריקאנער סטאר סעמועל גאלדנבערג רעציטירן מארקאוויטש׳ס „קדוש השם“. ער האט זיך אליין באגלייט אויף דער פיאנא און איך געדענק ווי אלס קינד איז מיר אדורך א גרויל איבערן לייב פון די ווערטער און מוזיק וועלכע האבן אזוי טראגיש פארגעשטעלט דאס בילד פון פאגראמען אויף יידן. אין די זעלבע יארן האט אן׳אנדערער שלאגער זיך געהערט אין פוילן. דער בארימטער יידישער פאלק׳ס אקטיאר אייזיק סאמבערג האט געהאט דעם גרעסטן דערפאלג מיט מארקאוויטש׳ס „אפגעגעבן ברויט“. עס איז נישט געווען קיין טעאטער סעזאן אין פוילן ווען מען זאל נישט שפילן מארקאוויטש׳ס לעבענסבילדער ווי „די 2 חברים“ „א ווייב אין קארטן פארשפילט“ און אנדערע.

ווען איך בין אויפגעוואקסן און געווארן א פראפעסיאנעלער אקטיאר איז פאר מיר אלעמאל געווען א ספעציעל פארגעניגן צו שפילן אין א פיעסע געשריבן פון מרקאוויטש, ווייל עס איז געווען אזוי גרינג צו פארקערפערן די געשטאלטן וועלכע ער האט אזוי מייסטערהאפט געשאפן.

מיר די לאנדאנער יידישע שוישפילער זיינען שטאלץ וואס אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן האט ער נאך פון צייט צו צייט געשריבן פאר אונז. מיר האבן נישט געווארט ביז די קריטיקער וועלן אים נאך זיין טויט אנערקענען . . . מיר האבן געוואוסט וועמען מיר פארמאגן ביי זיין לעבן. אין לאנדאן פלעגט מען באנייען זיינע ווערק וועלכע ער האט געשאפן ווען ער איז נאך געווען יונג. אזעלכע וואונדערבארע פיעסן ווי „דער מדבר“, „קאנוועגשן. א.א.וו. פון מוזיקאלישע קאמעדיעס: „גראפיניע פאטאצקא“ אין די הארציקע פאלקס קאמעדיע מיט וועלכע ער אליין האט גאסטראלירט אין זיד אמעריקא „א מיליאן פאר א יידן“. זיינע מוזיקאלישע נומערן ווי „בערקע גולם“, „שמע ישראל“, „צו דער חופה“, „דער שטאט משוגענער“ זיינען געזינגען און רעציטירט געווארן איבער דער גאנצער וועלט און אזוי לאנג ווי עס וועט נאך בלייבן א פונק פון יידיש טעאטער אויף דער וועלט וועט מען נאך אלץ צווישן דעם שעפערישן מאטעריאל געפינען די ווערק פון יאזעף מארקאוויטש.

דערווייל קוק איך אין די פלאמען פון די ליכט ביי אים צוקאפנס און מיין בליק וואנדערט אריבער אויף די מיט טרויער דורכגענומענע פנימער פון זיינע נאענטסטע חברים שוישפילער פון לאנדאן און איך לייען אין זיי מיינע אייגענע געדאנקען: „עס איז אוועק פון דער וועלט א שטיק געשיכטע פון דעם לאנדאנער יידישן טעאטער . . .“

מיט זיין פטירה אין האנט איז ער געווען ווי „פראספערא“ אין שעקספיר׳ס „שטורעם“, וועלכער האט אויספאנטאזירט א צויבער וועלט . . . ער איז אבער אויך געווען א מענטש פון פלייש און בלוט, וועלכער איז נישט אומשטערבלעך און עס איז געקומען די צייט ווען מיר האבן אים באגלייט זיין לעצטן גאנג.

זיין פרוי, די שוישפילערן בעקי גאלדשטיין האט לײדער ביי דער לויה נישט געקענט זיין, ווייל זי איז קראנק און בלינד און איז א פאציענטין אין יידישן שפיטאל.

יאזעף מארקאוויטש איז מער נישטא. ער איז אלט געווען 85 יאר ווען ער איז געשטארבן, אבער אין אונזערע הערצער וועט ער אייביק לעבן.

## א בריוו צום מחבר פון „קעניג פון לאמפעדסע“

מיין ליבער הארענדארף,

כ׳פריי מיך וואס דו ביזט שוין ארויס פון שפיטאל און דו געפינסט זיך אין דיין היים. נאך א טאג, נאך א טאג און דו וועסט שוין זיין אינגאנצן געזונט — אי״ה, און מיט דער הילף פון דיין ליבן ווייבל.

ווייסט דו, אז דיין בייזן, אויפגערעגטן בריוו פאריקן חודש האב איך אפגעדרוקט אין „לשון און לעבן“, ווייל כ׳האב מורא געהאט אז דו וועסט מיך נאך קומען ווערגן.

יעצט, אז דו ביזט ברוך השם געזונט וויל איך נישט פון דיר קיין בריוו, ווי גערעכט אויפגערעגט זיי זאלן נישט זיין. איך וויל פון דיר האבן דיינע באדאכטע און יידישלעך שט־לע ארט־קלען און נאך בעסער א געשטאלטעטע אוסגעשטאטעטע סצענע פון דיין נייער דראמע: „דער גר צדק פון לאנדאן, לארד גארדאן“, וואס איך האף, אז זי וועט בקרוב אויפגעפירט ווערן און האבן דעם געוואלטיקן דערפאלג ווי דיין „קעניג פון לאמפעדוסע“ בשעתו.

„זכרינו את הבנים“: די מאיעסטעטישע אויפפירונג פון אונזער מאיר צעלניקער און דאס קעניגלעכע שפילן פון די הויפט ראלן פון יידל גאלדבערג און חנהלע צעלניקער.

א כלל, ליבער הארענדארף איך דערווארט פארן קומענדיקן נומער „לשון און לעבן“ די ברית־סצענע פון דיין נייער דראמע „דער גר צדק פון לאנדאן, לארד גארדאן“ און דעם געפולטן קאפ פונם פיש וואס דיין פרוי וועט אפקאכן צו דער סעודה פון דיין געזונט ווערן.

---

א רפואה שלימה פאר פרוי **איווא קעסלער** די פארזיצער פון דער פרויען סעקציע בראנזש 3 פון ארבעטער־רינג, וואס געפינט זיך שווער־קראנק אין שפיטאל.

פריינט **מרדכי לאנדער** האט אדורכגעמאכט א שווערע אפעראציע. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

## יידיש - ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנער סטר. 33 א.1. שבת 3 אזייגער)

שבת, דעם 4׳טן דעצעמבער — 75 יאר פרייע ארבעטער שטימע.

שבת, דעם 11׳טן — 125 סטער געבוירן יאר פון אברהם גאלדפאדן.

שבת, דעם 18׳טן — א חנוכה־פראגראם, חנוכה ליכטצינד.

שבת, דעם 25׳סטן זאת־חנוכה — חנוכה־דערציילונגען פרץ־שלום־עליכם.

## אין דער נאכט פון 18׳טן נאוועמבער

אין דער נאכט אריבער כ׳בין די דייטשע גרענעץ,
מיך געראטעוועט פון טויט און פון קאצעט;
נישט וואס לעבן כ׳בין געבליבן, מיר ניחה איצט,
נאר ווער קאן וויסן וואס כ׳וואלט מיר איינגערעדט;

מיין טאלענט כ׳בין שולדיק — לעבן כ׳מוז בלייבן!
מ׳וועט פערגאזן מיך — פארגאזט מען א פאעט!!
א קאפא חלילה כ׳וואלט געווארן, צי א —
„ווארמער־ברודער״ ביי אן עס־א מאן אין בעט —

א פארשיווער הונט פאר צוגעווארפענעם ביין,
א מסור פאר טעלער־זופ מיט אן אויג פעט;
אבי לעבן צו בלייבן לייבלעכן ברודער,
פאר ביסן ברויט צו פארבייטן — ביליקסטער חטא.

אין דער נאכט אריבער כ׳בין די דייטשע גרענעץ,
אהער געראטעוועט פון טויט, פון קאצעט — —
בעסער ווען אומגעקומען! ווער געקאנט וויסן,
אז אזוינס אויף דער וועלט מעגלעך און זיין וועט.

## צום אויסגאנג פון די וואלן אין ישראל

אז ס׳גרילצט איינעם אין אויער איז נאך נישט דאס ערגסטע,
אויב עס גרילצט — א סימן מובהק דער פרילינג איז אין לאנד;
און וואלט דען די מדינה אויפגעבויט געווארן,
ווען די יידיש־ריידנדיקע נישט געגעבן א האנט?

אז מ׳האט אונזערע היימישע ספריטנע יינגלעך,
די חלוצים, פליטים פון די בילאוועצעס אן,
קאן מען מישן איראקער, מאראקער, תימנער —
מיזוג־גלויות מיט א צוויקלטער בלוי־ווייסע פאן!

מילא, ס׳גרילצט איינעם אין אויער — א מיחוש? זוקנה?
אבער: „אז דר. אדענהאוער איז מיין בעסטער פריינט״!
ביי אזוינעם מישט זיך שוין מסתם עפעס אין קאפ,
און ער מוז גיין — „משיח״ אליין, געזאלבט און געקריינט..

## מזרח - אייראפע אין דער יידישער געשיכטע

א קורס פון לעקציעס און סעמינאר אויף דער דאזיקער טעמע האלט איצט אפ דר. יעקב י. מייטליס אינעם טעכניקל קאלעדזש, הענדאן, אינעם רעמעל פון דער העברעיש־יידישער קולטור־ארבעט. דער קורס קומט פאר יעדן דאנערשטיק אין אוונט (7.30) און וועט אנגיין ביז דעצעמבער, ועד בכלל.

**יוסף גרינבערג** און פרוי ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט א גוט געזונט יאר.

**זשעסי מינדעל**, די פרוי פון מאריס מינדעל, פארט קיין ניוזילאנד. מיר ווינטשן איר גליקלעכע רייזע.